STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08999

KENIG ASHMADI

Harry Sackler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. סעקלער

קעניג אשמדי

פארלאג „נחמיה“, ניו-יארק.

אנדערע דראמען אין בוך־פאָרם פון ה. סעקלער:

יוקעל גנב, איינאַקטער (1909).

פאַרלאַג: א. וואסערמאַן, ניו יאָרק.

דראַמען אין צוויי בענדער (1925).

ערשטער באַנד:

דער וועג צו גאָט

דעם צדיק'ס נסיעה

צווייטער באַנד:

יזכור

יוסי פון יוקרת

פאַרלאַג: „נחמיה", ניו יאָרק.

Copyright, 1927
By HARRY SACKLER

דער פארפאסער רעזערווירט אלע רעכט פאר ביהנע, פילם און איבערזעצונג.

פיליפ וואַטענבערג

דעם ליבהארציגען פריינד

א מתנה.

פּתיחה צו קעניג אשמדי

דער געזאַנג
פון ווייטען, ווייטען גאַנג.
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — פאַרקנוילט אין כאַאָס-טאַנץ
אַ וואַסער-שאַנץ,
אַ בראַזגעדיגער ים — — —
און פעלז-אין-פלאַם,
אַ נאַקעט-רויטער צאַקען-קאַם — — —
זונען-פּחת, שטערן-שטויב,
בלינד-און-טויב — — —
אַ שפּיעל אָהן ציעל.

ווערט גאָט מיעד פון תוהו-שפּיעל,
פון כאַאָס-טאַנץ וואָס האָט קיין ציעל;
פאַלט זיין וואָרט אַראָפּ ווי שפּריי
אין דער פוסטער בראַזגעריי:
פעלז-אין-פלאַם און וואַסער-שאַנץ,
איך לאַד אייך אין צום נייעם טאַנץ.

יחוד —
דאָס האַרץ פון זיין האָט אויפגעוואַכט.

יחוד —
מיר שפּרינגען אַרויס פון תוהו־נאַכט.
יחוד —
זויגט דאָס אויג דעם זוניגען גלאַנץ.
יחוד —
מיר קלאַפּען דעם ריטם צום קאָסמישען טאַנץ.
יחוד —
די צונג ווערט ניט לאַס, דער אויער ניט מיעד.
יחוד —
מיר זינגען נאָך אַלץ דעם אָנהויב פון ליעד.
יחוד —
מיר זינגען נאָך אַלץ דעם בראשית־געזאַנג.
יחוד —
פון ערשטען שפּאַן און פון ווייטען גאַנג —
יחוד —
געזאַנג פון ווייטען, ווייטען גאַנג.

צווישען הייסען פעלז און קאַלטען ים
איז געבוירען געוואָרען דער געטליכער שלאַם
און אויפגעקראַכט די כשוף־טיר.
אַ ציטער אין לוזשע — אַ שפּור — אַ ריהר — — — —
אַ שלאַמיג קנייטעל ציטערט פון וויה
רייסט זיך פון זיך, שפּאַלט זיך אין צוויי.
און אָט הויבען צוויי די בלינדע קעפּ
און שטעלען אַוועק די גאָלדענע טרעפּ

פון גרויען שלאָס, פון וואָרעם-געווימעל
צום ברען-פּונקט פון זיין, צום האַרץ פון הימעל.

הללויה! האָט די פּמליה געזונגען;
גאָט האָט די פוילע לוזשע באַצוואונגען.
אַ פונק איז אַרויס פון אייביגען פלאַם
און אָנגעצונדען דעם טויט-קאַלטען שלאָס.
קריכען גאָטס קינדער פון שלאָס איצט אַרויס.
הללויה! גאָט איז מעכטיג און גרויס!
הללויה! הללויה!

און גאָט האָט געשמייכעלט אין יענער מינוט
און צו זיך געזאָגט: גוט, זעהר גוט!
אויסגעהאַמערט אַ רינג אין דער קייט
פון אַ גרייליך-גרוי-פּוסטער אייביגקייט
און אין יענער לוזשע צוגעגרייט
אַ געפעהרליך שפּיעל ——— אַ געטליך שפּיעל ———
דאָס שלאָמיגע קנייטעל וועט האָבען אַ ציעל
און שטעלען זיין גרויסען „איך" אין קאַן
ביי מיר צו געווינען דעם געטליכען טהראָן.

שפּאַן אויף שפּאַן, קעפּ אויף קעפּ ———
מיר געהען אַרויף די גאָלדענע טרעפּ.
יעדער שפּאַן אַ בראשית-געזאַנג —
פון שלאָמיגען קנייטעל ביז קנויליגער שלאַנג,
פון געפּאַנצערטען קרעט און באַפּעדערטען שפּאַץ
ביז וואָרם-בלוטיגען, ברוסטיגען ראַץ.

פון האָריגען בער און לאַנגען גיראַף
ביז חלום-געפלאָגטען, צוויי-פיסיגען אַף —
שפּאַן אויף שפּאַן און קלאַנג אויף קלאַנג
הויבט זיך צום הימעל דער בראשית-געזאַנג,
רייסט זיך צום הימעל דער טראָציגער טאָן:
מיר געהען פאַרנעהמען דעם געטליכען טהראָן.

דער געזאַנג
פון ווייטען, ווייטען גאַנג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — דורכגעלעבט;
דעם חלום געוועבט;
פון שלאַמיגען קנייטעל, פון וואָרעם-געווימעל
אויף אַלע פיער געקראָכען צום הימעל — — —
שטום האָט דאָס ליעד אין האָרץ וויברירט.
נו — פאַרוואָס אַזוי זעלטען די ליפּען באַריהרט?
פאַרכאַפּט אייך ניט מעהר דער געטליכער שפּיעל?
זענט איהר שוין אַליין אַ צוועק און אַ ציעל?
? ? ?
וואַכט אויף! הערט צו! דער וועג איז לאַנג.
איך זינג אייך אַ סטראָף פון אַלטען געזאַנג,
און וועט אַייך פאַרכאַפּען דער היימישער קלאַנג
וועט מוטהיגער, טראָציגער ווערען דער גאַנג,
דער ווייטער, ווייטער גאַנג.

קעניג אשמדי

(1926).

———וישב שלמה על כסא ה׳ למלך (דברי הימים, א׳ כ״ט) ———א״ר יצחק וכי אפשר לו לאדם לישב על כסא ה׳, אותו שכתוב בו כי ה׳ אלהיך אש אכלה הוא וכתיב נהר דינור נגד ונפיק וגו׳ וכתיב כרסיה שביבין דינור ואת אמרת וישב שלמה על כסא ה׳? —— אלא מה כסאו של הקב״ה שולט מסוף העולם ועד סופו אף כסא של שלמה שולט מסוף העולם ועד סופו.———

(מדרש רבה, שיר־השירים א׳).

———שלחו להו: במוקי קאתי——— וקא תבע לה נמי לבת שבע אימיה———

(גטין, ס״ח).

פּערזאָנען

אשמדי
שלמה
בת־שבע
נעמה
בניהו, דער גענעראל
נתן, דער אַלטער נביא
איה, כהנית פון תמוז
צדוק, דער כהן פון באַרג מוריה
אחישר, מייסטער פון פּאַלאַץ
חושים, אַן אַלטער דינער
דן | דינער אין פּאַלאַץ.
שפן |
בן־חור, האַר פון באַרג אפרים
פיהרער פון עולי־רגל
טויער־היטער
ערשטער בעטלער
צווייטער בעטלער
דריטער בעטלער
עלף הארען
שמחזאי
עזאל
בת־קול

יונגעז פון וואד, איינוואוינער פון ירושלים, עולי־רגל, בעטלער, טויער־היטער, תמוז־דינער, סוויטע פון קעניג, דינסטען פון בת־שבע.

ערשטער אַקט

אין הויף פון פּאַלאַץ.
רעכטס, אַ פּאַסאַד מיט טירען וואָס פיהרען אין פּאַלאַץ אַריין. לינקס, אַ ריזיגער פעלזען אַרומגערינגעלט פון בוימער; אין פעלזען, אַ הייל פאַרצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס. אין הינטערגרונד, אַ גרויסער טויער און לעבען איהם אַ קליינע זייטען־טיר.
אין פּערספּעקטיוו, דער באַרג פון פאַרדאַרבונג, זיין שפּיץ באלויכטען פון דער זון וואָס פאַרגעהט אַקעגען אין מערב.

געזאַנג פון לוים

(הערט זיך פון ווייט; פון צייט צו צייט ווערט דער געזאַנג דורכגעשניטען פון דעם העלען קלאַנג פון בלאָז־אינסטרומענטען און טאַצען־שפּיל).

הויף דינער

(פארנומען אין צוגרייטען דעם הויף פאר דער קעניגליכער פּראָצעסיע. זיי שפּרייטען אויס טעפּיכער אויף דעם פאַסאַד; באַצירען די זיילען מיט גאָלד־געהאַמערטע שילדען. — דער לוים־געזאַנג האָווערט איבער זייערע קעפּ; זיין זינגען־מיט — עטליכע שטיל, אַנדערע העכער).

פּאַלט אויף אונז זיין אויג
ווי רעגען שטיל און לינד
אויף געשניטען גראָז;
דוד־שפּראָס, קעניגס־קינד —
קעניגס־קינד.

(אינסטרומענטען־שפּיל; זיי זינגען ווייטער)

אין פון ים-ביז-ים
פארקינדט זיין לויב דער ווינד,
פלייצט זיין ליכט די זון;
הימעל-גאָב, שלום-קינד —
שלום-קינד.

חושים

(קומט ארוים אויפ'ן פאסאד; רופט) שפן, שאַ! דן, שאַ! מ'טאָר ניט.

דן

(צולאַכט זיך) ער האָט שוין ווידער עפּעס ניט דערהערט. וואָס טאָר מען ניט, חושים?

חושים

לצ'עווען — דאָס טאָר מען ניט. (טהוט גנבה'ש אַ פינטעל מיט'ן אויג; זינגט הייזעריג) „בת-שבע'ס קינד — דוד'ס זינד — הערשט אַצינד". האַ? אָט דאָס האָט איהר געזונגען?

שפן

(דערשראָקען) ניין, ניין! ניט אמת.

דן

אודאי ניט אמת. נור אַזוי ווי חושים איז טויב, הערט ער וואָס ער וויל.

חושים

(מיט אַ ביטרע שמייכעל) פון מיין אייגענעם קאָפּ אויסגעטראַכט האָב איך דאָס ניט. צי אפשר יאָ? זאָג איך אייך אַז ניין. וואָרים — זאָג איך צו מיין קאָפּ — טראַכט ניט אוים קיין

לצים-לידלאך; טראַכט בכלל ניט. (שטיל) בניהו האָט אַ שאַרפע שווערט פאַר די וואָס האָבען אַ שאַרפע צונג — — —

דן

(לאַכט) און איז בניהו׳ם האַלז פון קופּער? האַ? (זינגט) „בת-שבע׳ם זינד — דוד׳ם קינד —". דו, חושים, ווי אַזוי געהט דאָס?

חושים

שטיל, דו הונט! ס׳וועט דיר ניט אויפוואַקסען אַ נייער קאָפּ אויף די אַקסלען ווען בניהו וועט דיר דעם אַלטען אַבהאַקען. קום אַהער, דן. לעג צו דיין אויער און הער וואָס חושים זאָגט. זאָלען לצים לצ׳עווען; זאָלען לוים לויבען. מיר אָבער זיינען קנעכט און קנעכט מוזען — שווייגען.

(אַ ווילדער לאַך דערהערט זיך פון תייל. זיי קוקען זיך אַרום צוטומעלטע).

אשמדי׳ם קול

כאַ-כאַ-כאַ! די וואָס האַקען שטיינער קענען אויך האַקען קעפּ! כאַ-כאַ-כאַ!

חושים

האַקען קעפּ? לאָמיר אָפּטרעטען. דער דאָרט איז שוין ווידער צורייצט.

אשמדי

(באַווייזט זיך ביי די גראַטעס; רוהיג) אַלטער טשערעפּ, ניט דיין קאָפּ זוכט אשמדי. וואָס וועט ער טהון מיט איהם? שפּייזען די ראַצען אין זיין הייל? אָדער גאַר מאַכען פון שאַרבען אַ בעכער פאַר זיין מאָסט? (לאַכט)

דן

(לאכט) אשמדי שרייט נאָך אַ אינגערען קאָפּ, נאָך אַ שעה־נערען. איך ווייס, איך ווייס.

אשמדי

אַה, דו ווייסט. (שטילער) קום נעהנטער. ווייסטו ווייל דו ווילסט? (שטרעקט אוים זיין האַנט דורך די גראַטעס און פיהלט דן'ס אָרעם) נייך, ניט געקנאַטען פון קעלבער־קויט ווי די אַנדערע. דן הייסטו? דן! און געפאַרמט ביזטו פון פייער־פלינט. (שטילער) דן, מיר פעהלט אַ רינג צו מיין קייט. ברענג איהם; מיט'ן פינגער אינאיינעם — נאָך בעסער.

דן

שטילער. זיי וועלען הערען. (פויזע) און אפשר וועלען זיי העלפען?

שפן

קום אוועק, דן. וואָס וויל ער פון דיר? קום אוועק.

דן

(קאָנספּיראַטיוו) ער וויל דעם רינג וואָס האַלט איהם אין קייטען. און קריגט ער דעם רינג וועט ער — — — (רעדט גאַנץ שטיל און אינטענסיוו) און דו וועסט — — און חושים — — — און איך — — —

שפן

(ציטערט) הער אויף, דן. ווי אַזוי קענסטו גאָר — — — ווי אַזוי — — — ?

חושים

(קאָמעדיאַנטעוועט) גוט! קום, דן. מיר געהן שוין צו שלמה'ן.

האר און קעניג — וועסטו איהם זאָגען — אשמדי וויל דיין זיגעל־רינג. גיב איהם אהער!

אשמדי

(ביטער) ציטערט דער און יענער שפּאָט. קנעכט! הענגט ניט אשמדי׳ס קייט אויך אויף אייך? בויגט זיין שאַנד ניט אויך אייערע רוקענס? (פּויזע) זיי ווייסען ניט ווייל זיי טראַכטען ניט. אָבער אשמדי זיצט אַליין אין זיין הייל און טראַכט — — — און ווען אשמדי טראַכט, שפּאַלט זיך די ערד אונטער איהם און שכור׳ע שאָקלען זיך איהרע זיילען. (ברומט) דעם אָדלער לאָקט די הויך און אשמדי איז — — — הא? וואָס איז אשמדי?

שפן

(רוקט זיך אָפּ) וואָס שטעהט איהר דאָ, וואָס? איהם לאָקט די הויך. יאָ — אָבער מיר מוזען צוגרייטען דעם הויף — מיר מוזען — — — זעהט! דעם קעניג׳ס מאַמע און איהרע דינסטען קומען און אונזער ארבייט איז נאָך ניט געענדיגט.

(ער און די אַנדערע געהען צוריק צו דער אַרבייט).

בת־שבע

(באַגלייט פון איהרע דינסטען, באַווייזט זיך צווישען די בוימער)

אשמדי

(דערזעהט זי) ווער קומט פון צווישען די בוימער ווי א זון וואָס ברעכט דורך די וואָלקענס? וועמעס שמייכעל צוגיסט זיך ווי באַלזאַם אויף א רויטער וואונד? (עקסטאַטיש) דו, ווייב!

בת-שבע

(בלייבט שטעהן ביי די גראַטעס פון הייל) דער אַלטער געשריי. איז אשמדי אויך ניט פון איהם פריי?

אשמדי

ביים קוואַל פון לעבען איז קיינער ניט פריי; אייביגקייט-שכור'ע רייסען זיך צו איהם מענשען און געטער. און אשמדי — — —

בת-שבע

און וואָס איז אשמדי?

אשמדי

הא? ענטפער דו אויב דו ווייסט: וואָס איז אשמדי? (פויזע) ווייב, לאָז מיך פיהלען די וואַרימקייט וואָס שפריצט אַרויס פון דיינע שפיץ פינגער.

בת-שבע

(גיט איהם איהר האַנט) מעהר ווי פערציג זומער-זונען האָבען אויסגעגאַרבט זייער ווייכקייט. (זיפצט) און איך לויב גאָט דערפאַר וואָס דאָס פיעל-באַגעהרטע ווייב איז איצט ניט מעהר ווי אַ מאַמע.

אשמדי

(פינסטער) שלמה'ס מאַמע. (שטופט אָפּ איהר האַנט) דער גרויסער יורש! אַלץ איז איהם געגעבען געוואָרען מיט אַ ברייטער האַנט. דינט בת-שבע איהם אַלס מאַמע; אשמדי — אַלס קנעכט.

בת-שבע

דער ליבלינג פון גאָט איז שלמה; דער אָבגלאַנץ פון יענער

הימלישער הערליכקייט וואָס קיין אויג קען ניט פאַרטראָגען.
אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט געפינט אין איהם זיין האַר.
אַלע דינען איהם מיט פרייד.

אשמדי

אַלע — חוץ אשמדי. איך בין זיין קנעכט אָבער איך וויל דאָס ניט זיין!

בת־שבע

(שמייכעלט) און וואָס וועט אשמדי טהון מיט זיין פרייהייט אויב ער זאָל זי צוריקגעווינען? איינגעזאַפּט האָט דיין אויג דאָס שטאַרקע ליכט וואָס שטראַהלט פון שלמה׳ן און שלמה׳ס לאַנד. וועלען דיינע פינסטערע בערג איצט דיר געבען וואָס דו ווילסט?

אשמדי

האַ? די פינסטערע בערג? (פויזע) ניין! דו ביזט גערעכט, ווייב; ניטאָ קיין צוריק. אָבער פאַרוואָס די פינסטערע בערג? פאַרוואָס ניט די זון־באַגאָסענע? פאַרוואָס ניט אַלץ וואָס אויג קען זעהן און געדאַנק דערגרייכען? (שטילער) הער מיך צו, ווייב. ברייטקייט וויל אשמדי; ברייטקייט און הויך און פרייען שפּיל. פון די פינסטערע בערג אַרויף, דאָס וויל אשמדי. העכער, העכער!

בת־שבע

דורך שלמה׳ן וועסטו דאָס דערגרייכען. שטעל דיך אויף זיין זייט.

אשמדי

(ברומט) וואָס איז אשמדי שלמה׳ן? האַ? אַ בייז־וואונדער

אין זיין פּאַראַד, אַ נייער פּסוק אין זיין לויב-געזאַנג. אַפּען האָט שלמה; און עלעפאַנטען און פּאַפּוגייען און — אשמדי. שטוינט דאָס פאָלק און שנאַלצט מיט'ן צונג: „קלוג איז שלמה! אפילו אשמדי'ן האַלט ער הינטער גראַטעס". (שאַ־קעלט די גראַטעס) גראַטעס! גראַטעס!

בת-שבע

(לאַכט שטיל) גראַטעס? און וואָס זיינען גראַטעס דעם ריז אשמדי? לולב-בלעטער צו פלעכטען בראַנזלעטען פאַר זיינע געלענקען. ניטאָ קיין פעלזען שווער גענוג צו ברעכען דיין געניק, אשמדי! ניטאָ! אָבער שלמה'ס ווילען איז שטאַרקער פון גראַטעס און פעלזען. וואו שלמה הערשט איז קיינער ניט פריי; אפילו ניט אשמדי.

אשמדי

(שרייט) וועט ער ווערען!

בת-שבע

ניין — סיידען ער ווערט פריהער שלמה און דאָס קען ניט אשמדי. וויל דער פרינץ פון די פינסטערע בערג זיך פאַרמעסטען מיט דעם האַר פון ליכט?

אשמדי

(פעסט) ער וויל! ער וועט!

בת-שבע

(לאַכט) ניין. (פאַרטרויליך) הער, אשמדי, וואָס בת-שבע זאָגט דיר איידער זי געהט. ווילסטו איינשפּאַנען די זון אין דיין רייט-וואָגען, געפין פריהער איהר סוד. שלמה האָט איהם

געפונען און מיר אלע מוזען בייגען דעם קאפּ. איך בויג מיינעם. (געהט לאנגזאם ארויף צום פאסאד. אב)

אשמדי

אלע מוזען בייגען דעם קאפּ. הא? מוז! מוז! מוז אשמדי אויך? (פויזע) סיידען ער ווערט פריהער שלמה, האט דאס ווייב געזאגט. סיידען ער ווערט פריהער——— (ברעכט אויס אין א הילכיגען געלעכטער; פארשווינדט פון די גראטעס)

(טרומייטען־שאל הערט זיך פון ווייט)

אחישר

(לויפט אריין דורך דער קליינער זייטען־טיר) ריהרט אייך, יונגען, ריהרט אייך! די פראצעסיע קומט; אט באלד — און זי איז ביים טויער. (קוקט זיך ארום) פאסאד אויסגעשפרייט? גוט, זעהר גוט. זיילען פארצירט? גוט, זעהר גוט. דער לעצטער טאג היינט — און געלויבט זאל זיין גאטס נאמען. פערצעהן טעג יום־טוב איז שעהן און וואויל; אבער ניט פאר דעם מייסטער פון פאלאץ און ניט פאר זיינע יונגען. פאר־מאטערט! דעם טעמפעל באניט, א חתונה מיט פרעה׳ס טאכטער געפייערט און — פערצעהן טאג יום־טוב. נו, נו!

שפן

ווערט היינט געלעגט דער הערש־פעל שטעג פון פאסאד צום טויער?

אחישר

וואס? נאך ניט געלעגט? ערד און הימעל, דעקט מיך צו! רוצחים, שאקאלען, גאט־לעסטערער! נאך ניט געלעגט?

שפן

אַט שוין! די מינוט! (שרייט) דן, די הערש-פּעל! דער מיים-טער פון פּאַלאַץ — — —

דן

(קומט מיט די פּעל) שריי ניט, שפן. שוין געהערט. (ער און שפן לעגען אוים די פּעל)

אחישר

(קאָמאַנדעוועט) חושים, צוויי שטוהלען, מיט פּורפּור באַדעקט, דאָ אויפ'ן פּאַסאַד.

חושים

צוויי שטוהלען? (פּויזע) אה, היינט וועט שלמה זיצען אויף צוויי שטוהלען כדי די האַרען פון לאַנד זאָלען זעהן — — —

אחישר

(לאַכט) שטיל, דו הונט! דער צווייטער איז פאַר בת-שבע'ן. שנעל! (רופט) טויער-היטער! טויער-היטער! (אָב)

חושים

(ברענגט צוויי שטוהלען און פּורפּור־דעקען) אַזוי! איין שטוהל פאַר שלמה'ן און אַ צווייטען פאַר בת-שבע'ן. (דראַפּירט די שטוהלען מיט די דעקען) אַ צווייטען! דאַכט זיך זי האָט שוין אמאָל געהאַט אַ צווייטען. יאַ. (זינגט)

אַ פּעסטונג איז בת-שבע געווען,
באַשאַנצט און הויך-געטורעמט.
דער ערשטער איז אוריה געווען
וואָס האָט דעם טויער געשטורעמט.

קומט ניט שלאָפען אוריה דער העלד ;
ס׳שאַלען מלחמה-טרומייטען.
דוד געהט מעהר ניט שלאָפען אין פעלד —
נעהמט בת-שבע איהם צום צווייטען.

(טרומייטען־שאַל פאַר דעם טויער)

אחישר

(פון דרויסען) טוירען אָפען ! (טוירען עפענען זיך. אחישר קומט אַריין, נאָכגעפאָלגט פון הויף־וואַך. נאָך זיי — טאַצען־שפּילער און טרומייטען־בלאָזער ; אחישר רופט אויס) די שווערט פון קעניג ! בניהו !

בניהו

(מאַרשירט אַריין מיט געצויגענער שווערט ; נאָך איהם די לייב־וואַך. זיי מאַרשירען ארויף צום פאַסאַד און שטעלען זיך אַוועק הינטער די קעניגליכע שטוהלען)

אחישר

(רופט) דער האר פון פרידען ! (פויזע) אונזער האר און קעניג !

שלמה

(קומט אַריין, נאָכגעפאָלגט פון נתן, צדוקי, בן־חור און די אנדערע הארען פון לאנד. נאָך זיי — די קעניגליכע סוויטע. בשעת שלמה געהט אַרויף די טרעפּ פון פאַסאַד, בייגען אַלע די קעפּ. זיינע באַגלייטער גרופּירען זיך אויף פאַסאַד און טרעפּ לויט זייער ראַנג)

אחישר

(באַפעהלט) טוירען געשלאָסען ! (טויער־היטער פאַרשליסען די טוירען ; אחישר רופט ווייטער) די מאַמע פון שלמה ! בת-שבע !

בת־שבע

(איז וועהרענד דעם אַרויסגעקומען אויפ'ן פּאַסאַד באַגלייט פון איהרע דינסטען ; זי פאַרנייגט זיך שוויינענדיג און פאַרנעהמט איהר פּלאַץ לעבען שלמה'ן)

בניהו

הערט, איהר הארען פון לאַנד, און ברענגט מיין וואָרט צום פאָלק וואָס איז מיט אייך אין ירושלים. באַנייט איז דער טעמפּעל אויף דעם באַרג מוריה און דער יום־טוב פון באַניי־אונג קומט היינט צו ענד. ווען די שטורקאַצען וועלען אויפ־בליצען היינט פאַרנאַכט פון מויער און טורעם, זאָל יעדער מיט זיין חברותא אויסקלייבען דעם וועג וואָס פיהרט צו היים און גאַרטען. געהט אין פרידען אייער וועג און דערצעהלט אין פרייד די וואונדער וואָס אייערע אויגען האָבען געזעהן.

בן־חור

ווען בניהו רעדט אין נאָמען פון אונזער האר און קעניג, הער איך און די הארען פון לאַנד מיט מיר. די היים רופט. זון־אונטערגאַנג וועט אונז געפינען אונטערוועגס, יעדער צו זיין הויז און הויז־געזינד. דאָרט וועלען מיר קינד־און־קייט דער־צעהלען די וואונדער וואָס האָבען זיך אנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגען. פון דרום און צפון, פון מזרח און מערב וועלען אַלע הערצער זיך ציהען צו דעם באַרג מוריה און צו דעם הויז פון גאָט. געבענשט זאָל זיין שלמה און זיין שטוהל זאָל שטעהן פעסט ווי דער באַרג פון אפרים.

אַ האַר

בן־חור האָט פאַר אונז גערעדט ; פון אונזער הארץ זיינען

זיינע רייד געקומען. געבענשט זאָל זיין דער זוהן פון דוד.

אנדערע הארען

אויף אייביג און אייביג!

שלמה

(שטעהט אויף) די זון שטעהט נידריג אין מערב; דער טאָג הויכט-אוים זיין ווארימען אָטעם און פארגעהט. מיט איהם פארגעהט אויך דער שעהנסטער יום-טוב וואָס די קינדער פון אברהם האָבען געפייערט זייט יענעם טאָג וואָס זיי האָבען אריבערגעשפרייזט דעם ירדן און איהם געמאכט די גרעניץ צווישען זיך און דער מדבר. ערשט אין דעם טאָג וואָס דער כבוד פון גאָט האָט אָנגעפילט ווי א נעפּעל זיין הויז אויף דעם בארג מוריה, האָבען מיר די מדבר הינטער זיך געלאָזען. א חלום איז דאָס געוועזן — מיינער און דוד'ס פאַר מיר. איצט איז דער חלום וואהר געקומען. דעם האַר און קעניג איבער אונז האָבען מיר א הויז געבויט וואו ער וועט אייביג צווישען אונז רוהען — א הויז וואָס זאָל דערצעהלען זיין גרויסקייט צווישען קעניגע און פעלקער. אין זיין גרויסקייט וועלען מיר אויך גרוים ווערען.

נתן

(אין עקסטאַז) אין זיין דערהויבענקייט וועלען מיר אויך דער-הויבען ווערען! דער גייסט פון גאָט רעדט צו אונז דורך שלמה'ן!

שטימען

דער גייסט פון גאָט! דער גייסט פון גאָט!

שלמה

(הויבט אויף זיין האַנט זיי איינצושטילען) גרויסע אוצרות האָט מיין פאָטער אָנגעגרייט פאַר דעם הויז פון גאָט; פילע יאָהרען האָט ער זיי געזאַמעלט. זיבען יאָהר האָט געדויערט ביז איך, דער זוהן, האָב דעם רויהען און פארקנוילטען שטאָף געשטאַלט און פאָרם געגעבען. גאַנצע זיבען יאָהר געאַרבייט. און איצט — בלויז צווייטאָל זיבען טעג די פרייד. געמאָסטען מיט דעם גאַנג פון זון און שטערן איז די פרייד צו קורץ; געמאָסטען מיט דעם קלאַפּ פון דערפרעהטען האַרץ, איז אונזער גליק אָהן גרעניץ. און צום געזעגנען נעהמט מיט אייך מיט שלמה׳ס וואָרט: פרייד איז דער וויין פון לעבען; זופּט איהם — אָבער שכור׳ט ניט. אויף דעם דנאָ פון בעכער זיינען די הייוועז ביטער.

בן־חור

ניטאָ קיין גרעניץ צו דיין קלוגהייט, זוהן פון דוד. דיינע ווערטער זיינען פּערל.

(אַ מורמעל פון באוואונדערונג רייסט זיך אַרויס פון די אָרומיגע)

שלמה

צווייטאָל זיבען טעג האָבען מיר זיך געפרעהט און ווי פאַרשמאַכטע ביים וואַסער־קוואַל אין מדבר, האָט די פרייד דערפרישט אונזער האַרץ. נור מיד איז דאָס פאָלק און גאַרט צוריק צו פעלד און גאָרטען איידער די רעגען־טעג באַווייזען זיך אין לאַנד. נעהמט מיינע קינדער, איהר האַרען פון לאַנד, און פיהרט זיי אין פרידען צוריק. מיין אויג וועט נאָכגעהן אייערע טריט; מיין ברכה וועט אייך באַשיצען אויף אייער

וועג (פויזע) צדוק, כהן פון גאָט, דורך דיינע ליפּען וועל איך זיי מיין ברכה געבען.

צדוק

(הויבט אויף די הענט, וועהרענד אַלע קניען) זאָל דיך גאָט בענשען און היטען. זאָל גאָט'ס פּנים לייכטען אויף דיר און דיר געבען פרידען. (איינדרוקספולע פּויזע; זיי שטעהען אויף).

בן-חור

קעניג און כהן האָבען אונז געבענשט. פאַרוואָס בלייבען דעם נביא'ס ליפּען פאַרזיגעלט? האָט נתן גאָרניט צו זאָגען זיינע ברידער?

נתן

(וועהרט אָפּ מיט זיין האַנט) וואָס וויל בן-חור? וואָס מאַהנט ער ביי דעם אַלטען נתן? מיט זיינע אייגענע אויגען האָט דאָס פאָלק געזעהן דאָס גרויסע וואונדער — צו וואָס נאָך רעדען? שטעהט ניט גאָט'ס הויז אויפ'ן שפּיץ פון באַרג מוריה? איז די הערליכקייט פון אַלמעכטיגען ניט געזעהן געוואָרען אין נעפעל וואָס האָט אַנגעפילט היכל און עזרה ווען שלמה האָט די טוירען געעפענט? געזעהן! געהערט! צו וואָס נאָך רעדען?

הארען

(מורמלען) מיר דורשטען נאָך דעם וואָרט פון נביא.

נתן

איהר דורשט, הא? (פּויזע) אָבער נתן'ס קוואַל איז אויסגע-טריקענט געוואָרען אין דער זון וואָס שיינט איצט איבער אייערע קעפּ. אַ ווינטער-שטראָם איז נתן — אַ ווינטער-

שטראָם און ניט מעהר. איז זיין וואָרט געפלאָסען בשעת שווערע וואָלקענס האָבען פינסטער געמאַכט דעם טאָג און די ווינטען פון חרמון האָבען געשפּילט אַרום אייערע קעפּ. אָבער איצט? בליהט ניט דאָס לאַנד ווי אַ גאָרטען און דער־פרעהט ניט דער שפּראָס פון דוד אייער הארץ? יונג און קלוג און שעהן איז שלמה און גאָט האָט איהם ליעב. שלום הערשט אויף אַלע גרעניצען; הערשער און פעלקער זיינען שלמה'ס פריינט. אַ זון איז שלמה. זיין ליכט צוגיסט זיך איבער האַר און שקלאַף, איבער פויער און לוין־דינער. האָט ווער אַ משפּט מיט זיין חבר, געפינט ער אָפען די טוירען פון פּאַלאַץ און פריי דעם וועג צו שלמה'ס טראָהן. גערעכטיגקייט צווישען מענש און מענש — — —

אשמדי

(מיט אַ שפּאָטישען געלעכטער) גערעכטיגקייט? רעדט דאָרט ווער פון גערעכטיגקייט?

הארען

ווער איז דאָס? ווער וואגט — — — —? (סצענע; יונגען פון וואך פּאַקען פעסטער זייערע שפּיזען)

בניהו

האַר און קעניג, אשמדי לעסטערט! (הויבט אויף זיין שווערט)

שלמה

(שמייכעלט) באַהאַלט דיין שווערט, בניהו. זי וועט צובויגען ווערען ביי אשמדי'ס ברוסט.

בת־שבע

גוט איז מיין שלמה און — קלוג. ניט קיין בייזער איז אשמדי

נור אַ פאַרביטערטער. דאָס גאַליג-דיקע בלוט פון די פינס-טערע בערג האָט, ווי ניט-געזיגענער ווייִן, אָנגעהויבען יעה-רען אין דעם ליכט וואָס פאַרפלייצט אונזער לאַנד.

אשמדי

ווייב! דו אויך? (לאַכט) דער נביא חנפ׳עט; די האַרען צי-טערן; און די מאַמע? זי שפּרייט אוים איהרע פליגעל אי-בער איהר עופה׳לע. גוט! וועט אשמדי רופען צו ערד און הימעל. (שרייט) גערעכטיגקייט!

נתן

(מיט אַ פינסטערען בליק) אַ געשריי! אַ געשריי האָב איך גע-הערט. (פויזע) בין איך אַ פאַלשער נביא און שלמה אַ טי-ראַן? אַ געשריי האָב איך געהערט. זיינען שלמה׳ם אויערען פאַרשטאָפּט?

שלמה

(שטיל) אשמדי זיצט אין קייטען און וואַרט אויף זיין באפריי-אונג. אין טומעל פון גרויסען יום-טוב האָב איך פאַר-געסען — — —

נתן

פאַרגעסען? פאַרגעסען? ווער עס פאַרגעסט זיין קנעכט, וועט פון זיין האַר פאַרגעסען ווערען. שלמה האָט פאַרגעסען?

שלמה

איך בויג מיין קאָפּ אין שאַנד. נתן ווייסט אַז ניט מיר צו דינען האָב איך אשמדי אין קייטען געשלאָגען. איך האָב איהם בלויז געצוואונגען דינען דעם וואָס איך דין. אין די ווענט פון גאָט׳ס הויז ליגט איצט פאַרגליווערט אשמדי׳ס ריזען-קראַפט און — — —

אשמדי

(ווילד) ווער איז מיר דער פייער-עסער פון באַרג מוריה וואָס איך זאָל איהם דינען ?

שטימען

ער לעסטערט ! ער לעסטערט ! וועה איז אונז ! (עטליכע פאַלען אויף זייערע פּנים'ער, אַנדערע פאַרהילען דעם פּנים מיט דעם מאַנטעל).

אשמדי

אַ קלענערער נור לעסטערט אַ גרעסערן. איך לעסטער ניט. אַ געטער-שטראָם פליסט פון די לענדען פון עתיק יומין ; ער און איך — — —

בניהו

(גיט אַ צייכען און די טאַצען-שפּילער און טרומייטען-בלאָזער הויבען אויף אַ שרעקליכען ליאַרם מיט זייערע אינסטרומענטען ; דאָס קול פון אשמדי ווערט דערטרונקען אין דעם ליאַרם)

שלמה

(הויבט אויף זיין האַנט ; דער ליאַרם הערט אויף) אשמדי, ניט זיי נור איך וועל דיך אויסהערען ביז'ן סוף. איך האָב געמיינט אַז אשמדי איז בלויז גבורה, רויהע קראַפט. אשמדי איז מעהר ווי דאָס און איך וויל לערנען. (געהט אַרונטער פון פאַסאַדי, נאָכגעפאָלגט פון די אַנדערע ; בלייבט שטעהן ביי דער הייל) פאַר אַלע דאָ וויל איך זיך מודה זיין : איך בין דיין בעל-חוב. מאָהן דיין לוין.

אשמדי

און מיט וואָס וועט אַ קעניג אַ קעניג לוינען ? האַ ? מיט זיין קעניגרייך ? אָדער גאָר מיט זיין קאָפּ ? (לאַכט) מאָהן

דיין לוין, זאָגט שלמה. גוט! מאַהן איך. אין די פינסטערע בערג וועט שלמה מיט מיר געהן. דאָרט וועט ער סקאַלעס רייסען פון דער ערד'ס בויך און זיי שלעפּען אויף אַ הויכען באַרג. און אויף דעם באַרג וועט שלמה אַ טעמפּעל בויען — אַ טעמפּעל וואָס זאָל דערצעהלען אשמדי'ס גרויסקייט צו די שטערן. כאַ־כאַ־כאַ!

בת־שבע

(לויפט צו צו שלמה'ן אַ דערשראָקענע) קינד מיינס! קום אַוועק פון איהם!

אשמדי

און ווען דער טעמפּעל וועט באַנייט ווערען וועל איך שלמה'ן ניט פאַרשפּאַרען אין אַ הייל מיט קייטען אויף גאַרטעל און געלענקען. ניין. אין פּראָצעסיע וועט ער שפּאַנען; ער וועט קלאַפּען די טאַצען אין אשמדי'ס פּאַראַד.

בניהו

(ווילד) מאַך איהם שווייגען, האַר און קעניג! (סצענע)

צדוק

זיין גיפטיגע צונג באַשפּייט דיין קעניגליכען מאַנטעל. שוויי־גען זאָל ער!

אַלע

שווייגען! שווייגען!

נתן

ווער וועט שלאָגען דאָס וואָרט אין קייטען? (צאָרנדיג) רעדט אשמדי, מוז שלמה הערען.

אשמדי

גרייז-גרויער נאר! דו ביזט פארליבט אין ווארט און ווילסט עס פריי. דיך, ניט אשמדי׳ן, באשיצט איצט דיין הייליגער צארן. מיינסטו אז ווען איך האב געשריגען נאך גערעכטיגקייט, האב איך געזוכט די הילף פון אזא פארטרוקענטער ווערבע ווי נתן? (לאכט) ניט אויף דיר און ניט אויף שלמה׳ן בויט אשמדי נור אויף זיך אליין. די פאמפע און אנגעבלאזענקייט פון קעניג, כהן און נביא האבען ווי מיסט-פליגען מיך גערייצט און איך האב מיט מיין בעזים אייך געוואלט פארטרייבען. האט מיר שלמה א הייל געגעבען, זאל ער מיך ניט פלאגען מיט זיינע רייד, מיט זיין וויג-און-ווינדעל חכמה.

שלמה

(באטריבט) ווי האגעל-שטיינער פאלען אשמדי׳ס ווערטער ארום מיר. ניט מיין פאלאץ האט אשמדי געבויט נור דעם פאלאץ פון גאט. איהם דין איך מיט פרייד אין הארץ און געזאנג אויף די ליפען. פארוואס ניט דו, אשמדי?

אשמדי

(שטיל) ווייל איך וויל ניט.

בת-שבע

ווייל ער קען ניט. (אומרוהיג) אשמדי׳ס קיטען בייסען זיך איין אין דיין פלייש, שלמה. וואס ווערסטו איצט טהון? וואס ווערסטו איצט טהון?

שלמה

וואס גאט וועט מיר געביטען. (הויבט אויף די אויגען צום הימעל)

נתן

(מיט אַן אונהיימליך קול) א געשריי האָב איך געהערט. א געשריי!

שלמה

און איך וועל ענטפערן, נתן. געהט, איהר הארען פון לאַנד. די נאַכט פאַלט צו. נור זאָגען וויל איך אייך: איידער די ערשטע דריי שטערן וועלען אייך לייכטען, וועט דער צאָרן פון אשמדי געשטילט זיין. צי אשמדי וויל צי ניין — שלמה מוז טהון רעכט און גערעכטיגקייט. (גיט אחישר'ן א צייכען)

אחישר

עפענט די טוירען! (טויער־היטער עפענען. די האַרען פאַרנייגען זיך טיעף. אָב. טאַנצען־שפּילער, טרומייטען־בלאָזער און סוויטע פאַרשווינדען הינטער דעם פּאסאד)

שלמה

(צו בניהו) איך וועל בלייבען מיט אשמדי אליין.

בניהו

אליין? (פּויזע) שלמה וויל בלייבען אליין! (ער און יונגען פון וואַך אָב)

שלמה

אחישר, דו האָסט דעם שליסעל צו דער אייזערנער טיר. ברענג איהם מיר.

אחישר

(פאַרנייגט זיך טיעף; אָב)

בת־שבע

(נעהמט שלמה'ס האנט; בעטענדיג) שלמה, טיעף איז אשמדי'ס

וואונד און טיעפער זיין צאָרן. ווילסטו איצט בלייבען אליין — — — ?

אשמדי

(לאַכט) פאַלג די מאַמע, אינגעל, פאַלג די מאַמע.

צדוק

(מיט אָנשטרענגונג) איז שלמה'ם לעבען בלויז זיינס וואָס ער וויל עס אוועקוואַרפען אין אַ שפּיעל מיט אשמדי ? איך בין ניט קיין מאַן פון ווערטער. אָבער — אָבער — — —

שלמה

(שטרענג) אשמדי וועט ניט קרימען קיין האָר אויף מיין קאָפּ. געהט !

נתן

וויין מיר דיין האנט, שלמה. די רעכטע. (קוקט זיך איין) יא ! דער זיגעל־רינג איז אויף זיין פינגער. גאָט'ס מורא'דיגער נאָמען שטראַהלט פון איהם. און טראָגט שלמה דעם רינג אויף זיין פינגער איז ער האָר. (שרייט אַריין אין די גראַטעס) אשמדי, דיין האָר שטעהט איבער דיר !

אשמדי

(ווילד) עתיק יומין ! עתיק יומין ! איז דער מיין האָר ? (פויזע)

אחישר

(קומט צוריק מיט דעם שליסעל) האָר און קעניג ! (גיט שלמה'ן דעם שליסעל)

שלמה

איצט לאָזט מיך אליין. (צו בת־שבע'ן) געה מיט די אנדערע.

מאַמע. ווען איך וועל זיין מיט אשמדי אַליין, וועט איהם לייכטער זיין צו מיר נעהענטער צו קומען.

בת-שבע

זאָל גאָט איבער דיר וואַכען, קינד. (אָב מיט די אַנדערע)

שלמה

(שליסט אויף די טיר פון הייל) די טיר איז אָפען, אשמדי.

אשמדי

(קומט אַרויס, שטום און שטאָלץ; ער מעסט אָב שלמה'ן מיט זיין בליק)

שלמה

דיין בליק רעדט צו מיר קלאָהרער ווי דיין וואָרט. ווי שטורם-געפייניגטע כוואַליעס שלאָגט דאָס בייזע בלוט אין דיין קאָפּ. דיין אָטעם הויכט האַס, האַס, האַס. האָב איך קיין מורא ניט פאַר דיין האַס, אשמדי. דו ביזט שטאַרק אָבער איך בין שטאַרקער. איך קען דיך ווייטער האַלטען מיין שקלאַף, אַ געצייג פון מיין ווילען — אבער איך וויל ניט. איך וויל אשמדי זאָל זיין פריי און — שלמה'ס.

אשמדי

שלמה'ס? (לאַכט) אשמדי דער באפרייטער דינט ניט קיין קלענערען.

שלמה

ניט מיך דינען וועסטו, אשמדי, ניט מיך. דאָרט, אויף דעם באַרג מוריה שטעהט דאָס הויז וואָס מירביידע האָבען גע-בויט. האָסטו געריסען פעלזען פון דער ערד'ס האַרץ, האָב איך זיי געגעבען מאָס און וואָג און ליניע און גרעניץ. ניט מיך האָסטו געדינט און ניט מיך וועסטו דינען — נור יענעם

וואָס איז האַר און מייסטער איבער דיר און מיר און איבער אַלע הינטער אונז.

אשמדי

(רוהיג) אשמדי דער באַפרייטער דינט ניט זיין גלייכען.

שלמה

דיין גלייכען? (פויזע) קענסטו מיר זאָגען———? קענסטו מיר ווייזען דעם קוואַל פון וועלכען———? (שטעהט אַ צוטומעלטער)

אשמדי

דער נעפּעל־טורעם וואָס דו האָסט געבויט אויף דעם אָבגרונד פון לעבען האַלט זיך אין שפּאַלטען — האַ, שלמה? קראַך; קראַך! (לאַכט ווילד) אַ קלייניגקייט געווען צו כאַפּען אשמדי, ווען מ'האָט זיך אין איהם גענויטיגט. איצט ווייסטו ניט וואָס מיט איהם צו טהון.

שלמה

קענסטו מיר ווייזען אין וואָס דיין כח איז גרויס, אשמדי?

אשמדי

אפשר קען איך. מוז איך אָבער, וויל איך ניט.

שלמה

איך פארשטעה דיך. הויב אויף דיינע הענט, אשמדי. (ער געהט צו און צוברעכט דעם זיגעל) ווארף אוועק דיינע קייטען, אשמדי.

אשמדי

היי־האָ! (מיט אַ ווילדען געשריי רייסט ער אַרונטער די קייטען) צו

לאנג איז אשמדי געבליבען אויף דער אכסניה און דער וועג איז וויט, וויט.

שלמה

וואוהין פיהרט דיין וועג, אשמדי?

אשמדי

(איראָניש) מוז איך געפינען ווערטער כדי צו שטילען דעם וואָרעם וואָס נאָגט אייביג אין אַ קינדערשען קאָפּ? ווילסטו וויסען? הא? קום און דו וועסט זעהן.

שלמה

איך געה!

אשמדי

(איבעראַשט) גלויבט שלמה אַזוי פיעל אַשמדי'ן? אָה, ווי אַ קעניג צו'ן אַ קעניג רעדסטו איצט צו מיר — ווי אַ קעניג צו'ן אַ קעניג. גוט! גיב מיר אַ צייכען אַז דו ביזט אשמדי'ס פריינד און איך וועל ווערען דיין וועג־ווייזער.

שלמה

איך בין גרייט.

אשמדי

גרייט, נאָך איידער דו האָסט געהערט מיין פאַרלאַנג? יא, ווי אַ קעניג צו'ן אַ קעניג באַווייזט זיך איצט שלמה צו אשמדי'ן. (שטיל) גיב מיר דיין מייסטער'ס צייכען.

שלמה

דעם זיגעל־רינג?

אשמדי

(גלאַטיג) יא, דעם זיגעל־רינג. (פויזע) ווילסטו זעהן, שלמה,

אלע קעניגרייכען פון דער ערד ? ווילסטו שפרייזען איבער די הויכקייטען און לייענען דאָס וואָס איז באַהאַלטען אין די שטערן ? ווילסטו דערגעהן ביז צום קוואַל פון דעם וואָס איז אַלץ און גאָרנישט ——— נו, גיב מיר דעם זיגעל-רינג און דו וועסט געהן מיט מיר.

שלמה

(שווייגט אַ מינוט ; שטעלט זיך אויף די קניעס) איז דאָס דיין ווילען, מיין האַר און קעניג ? (בלייבט שטום אין געבעט)

אשמדי

(שטיל) און וואָס זאָגט דער מייסטער ?

שלמה

(שטעהט אויף) אָט איז זיין ענטפער. (גיט אשמדי'ן דעם רינג) און דו ווייסט דעם וועג, אשמדי ?

אשמדי

הא ? (פייזע) איך זוך איהם. איך וועל איהם געפינען און דו ——— (צולאַכט זיך שטיל) די לופט ווערט קיהל ; אַ ווינט בלאָזט פון ים. איך וועל מיט דיר טיילען מיין מאַנטעל.

(הילט שלמה'ן אין זיין מאַנטעל און פיהרט איהם לאַנגזאַם אַרויף אויף דעם פעלזען איבער דער הייל)

(שטורקאַצען לייכטען אויף. דער געזאַנג פון פאָלק, וואָס לאָזט זיך אין וועג אַריין, הערט זיך פון ווייטענס)

שלמה

(אַרויפגעהענדיג) ווי זיסער ווייַן פליסט דער געזאַנג פון זייערע ליפען. די נאַכט הערט און ציטערט פון פרייד.

אשמדי

זיי האָבען ליעב זייער יונגען קעניג. (אַ זינגענדיגע גרופּע געהט פאַרביי נאָהענט צו די טוירען; אשמדי זינגט מיט)

אוּן פון ים-ביז-ים
פאַרקינדט זיין לויב דער ווינד,
פלייצט זיין ליכט די זון.
הימעל-גאָב, שלום-קינד —
שלום-קינד.

(פּלוצלינג פאַרציהט ער שלמה'ן פעסטער אין זיין מאַנטעל. שלמה טהוט אַ געשריי וואָס ווערט באַלד דערשטיקט. צוויי סילהועטען הויבען זיך אויף אין דער וואַקסענדיגער טונקעלהייט. פון ווייט הערט זיך אַשמדי'ס לאַך וואָס שטאַרבט אָפּ צוזאַמען מיט דעם געזאַנג פון די עולי־רגל)

(פאָרהאַנג)

צווייטער אַקט

סאַל אין פּאַלאַץ.
רעכטס, עטליכע טרעפּ וואָס פיהרען צום באַלקאָן; אַ טיר אויף דעם באַלקאָן צו די חדרים פון קעניג. לינקס, טירען צום פּאַסאַד (הויפּט־איינ־גאַנג). אין הינטערגרונד, אַ קאָרידאָר וואָס פיהרט צו די אַנדערע חדרים פון פּאַלאַץ.

צוויי הויכע מנורות באַלייכטען פאָרגרונד פון סצענע; טרעפּ און באלקאָן איינגעהילט אין האַלב־פינסטערניש.

יונגען פון וואַך

(אין פאַרשידענע פּאָזיציעס, הערען זיך צו, פארוואונדערט און אַמוזירט, צו חושים׳ס מאָנאָלאָג).

חושים

(אין פאָרגרונד, פיהרט אַ לעבהאַפטען שמועס מיט זיך אַליין) — — —

נו, חושים, צום לעצטען מאָל פרעג איך דיך: ווער ביזט דו? ווער איז ער? און וואָס איז וואָס? (פּויזע) נו, ענטפער! (פּויזע) דו ווייסט ניט, האַ? אויב דו ווייסט ניט, ווער׳זשע ווייסט יאַ? (פּויזע) אפשר וואָלטען מיר אָנגעהויבען פון אָנהויב? גוט! הויבען מיר אָן פון אָנהויב. (געהט אויף־און־אָב; דעקלאַמירט) טעמפּעל באנייט — אשמדי שרייט — גע־רעכטיגקייט! — ער וויל ניט קיין קייט — האַרען פון לאַנד — געהן פאַנאַנד—בלייבט שלמה אַליין—ביי אשמדי׳ס שטיין—פאַלט צו די נאַכט — און אשמדי לאַכט. — — — האַ? ניין!

דער גראם טויג ניט. פון וואנען ווים איך צי ער האט געלאכט
צי ניין ? אפשר האט ער ניט געלאכט ? אפשר האט ער —
— — (שטעלט זיך אב) ניין, ס'טויג ניט. פון יענער מינוט אן
וואס שלמה און אשמדי זיינען געבליבען אליין טויג ניט.
פשוט, ס'גראמט זיך ניט. (געהט צו צו איינעם פון די יונגען)
זאג נור, בחור. דו ווייסט ווער איך בין ?

יונג

(ווינקט כיטרע) און ווער ווייסט ניט ? ווער קען ניט חושים,
דעם נייעם מייסטער פון פאלאץ ? (ער און די אנדערע לאכען)

חושים

(קלאפט איהם אין פלייצע) קלוגער קאפ ! אז דו ווייסט ווער
איך בין, ווייסטו מעהר פון מיר. נו, אפשר קענסטו מיר
זאגען ווער איז ער ?

יונג

ער ? ווער ? (געלעכטער).

חושים

אט דאס פרעג איך טאקי : ער — ווער ? (געלעכטער) איהר
לאכט ! מיר ווערט דער קאפ צושפאלטען און איהר לאכט !
(שרייט) ער — ווער ? ווער ? (פויזע ; רעדט ווייטער צו זיך
אליין) צוריקגעקומען פון פעלזען־שטיין — דאס פנים פאר־
הילט אין מאנטעל — איז ניט שלמה מיט אמאל אויסגעוואק־
סען ? עפעם רויה און שארף, ווי דער צפון־ווינט, האט פון
איהם געאטעמט — נור איידער איך האב נאך צייט געהאט
א טראכט צו טהון, האט ער א ברום געטהון, געגעבען א בא־
פעהל — און די וועלט האט זיך איבערגעקעהרט ; איבער־

געקעהרט מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס — אויך אַראָב. געהט די וועלט איצט אויף אַלע פיער און וואַקעלט זיך נאָך מעהר ווי פריהער. (פויזע) חושים, ס׳גראַמט זיך ניט! שאַ! אַט קומט ווער. אפשר וועט דער געפינען אַ גראַם.

בניהו

(קומט אַריין פון פּאסאד; וואַרפט אַ פינסטערן בליק אַרום זיך)
מייסטער פון פּאַלאַץ!

חושים

(איבעראַשט) דאַכט זיך בניהו, האַ? יאָ, בניהו. ווייסטו אפשר — — —

בניהו

איך וויל זעהן דעם מייסטער פון פּאַלאַץ.

חושים

דו ווילסט זעהן דעם מייסטער פון פּאַלאַץ? גוט! אַט וועל איך איהם רופען. (לאָזט זיך געהן; די יונגען שיסען אויס אין אַ געלעכטער) אייזלען! איהר הירזשעט שוין ווידער? (געלעכטער) אָה, גאַר פאַרגעסען. דאָס בין איך — איך —

בניהו

דו? וואָס ביזטו?

חושים

נו, דער מייסטער פון פּאַלאַץ. (פאַרנייגט זיך טיעף) וואָס ווער מיין האַר געביטען?

בניהו

מען האָט מיר געזאָגט אַז אונזער האַר און קעניג איז ווידער דאָ אין ירושלים. זאָג איהם אַז בניהו בעט איהם זעהן.

חושים

לאָמיר נור זעהן. בניהו וויל זעהן אונזער האַר און קעניג. כדי ער זאָל איהם זעהן, מוז איך איהם פריהער זעהן. אזוי ווי אָבער ער זעהט ניט, איז ניטאָ וואָס צו זעהן.

בניהו

איך פאַרשטעה ניט.

חושים

איך אויך ניט. ס׳גראַמט זיך ניט. (געלעכטער)

בניהו

(ברומט) רעדט איך צום מייסטער פון פּאַלאַץ אָדער צו אַן אַף ?

חושים

צו ביידע מיט אַמאָל. (צו די יונגען) דאַכט זיך ער בייזערט זיך און ווען עמיצער בייזערט זיך אויף מיר, ווער איך אין גאַנצען טויב.

בניהו

(פאַרנייגט זיך טיעף ; איראָניש) באַווייז דיין גנאָד צו דיין קנעכט. זאָג דעם קעניג אַז בניהו וואַרט פאַר זיין טיר.

חושים

אָה, דאָס זיינען אנדערע ווערטער. איצט הער צו, בניהו. תדמור איז אין דער מדבר און איז א ווייטער מהלך פון ירושלים. ערשט נעכטען אין מיטען נאַכט האָט זיך אונזער האַר און קעניג פון דאָרט אומגעקעהרט. זאָגט דן אַז ער איז מיעד און וויל קיינעם ניט זעהן. דו זעהסט, בניהו ?

בניהו

און ווער איז דן ?

חושים

וואָס ? בניהו האָט ניט געהערט פון דעם גרויסען גבור דן,
וואָס טראָגט די שווערט פון קעניג ? ניט מעגליך !

בניהו

זאָל דיין גיפטיגע צונג זיך איינגראָבען אין דיין איינגעווייד,
אַלטער עקדעש. איך ווייס אַליין דעם וועג צום קעניג. (לאָזט
זיך צו די טרעפ)

חושים

(שרייט הייזעריג) יונגען ! פּאַסט אויף !

יונגען פון וואך

(שפּרינגען אויף; פאַרשטעלען בניהו׳ן דעם וועג; ראַנגלעריי און
טומעל)

דן

(באַווייזט זיך אין קאָרידאָר) וואָס איז דאָרט ? ווער שטערט
די רוה פון קעניג ?

בניהו

איך ! און זאָל דער קעניג מיך משפּט׳ן פאַר מיין זינד.

דן

(שטרענג) די וואָס רייסען זיך אין קעניג׳ס טיר אָהן זיין רשות,
די משפּט איך. (צו די יונגען) שלאָגט איהם אין קייטען און
שטעלט אַ וואך פאַר דער טיר פון זיין צעל. (צוויי פון די
יונגען אָב) ווען די זון וועט אויפגעהן, וועל איך ווייטער מיט
דיר ריידען.

בניהו

(ווילד) איז בניהו א הארלאָזער הונט וואָס קנעכט שפּאָטען פון איהם?

דן

און ווער איז בניהו וואָס ער שרייט און מאָהנט? די שווערט וואָס האָט איהם אמאָל געמאכט פאַר דעם צווייטען אין קע־ריגרייך, איז ניט אין זיינע הענט. זי איז אין מיינע. (צו די יונגען וואָס קומען צוריק מיט די קייטען) טהוט איהם אָן די קייטען און פיהרט איהם אוועק!

בניהו

האָט בניהו קיין פריינד ניט מעהר אין שלמה'ס הויז? האָבען זיי אַלע געמוזט פארלאָזען דעם פּאַלאַץ גלייך מיט מיר? (פּויזע; די יונגען טהון איהם אָן די קייטען) איז בית־שבע אויך דאָ ניט געבליבען?

חושים

געבליבען. (אָן א זייט) א דריטער גבור וואָס וויל זיך באהאל־טען אין בת־שבע'ס פעסטונג.

בניהו

(רופט) בת־שבע! בת־שבע!

חושים

(זינגט שטיל) א פעסטונג איז בת־שבע געווען — באשאנצט און הויך־געטורעמט —

דן

(שטרענג) מייסטער פון פּאַלאַץ!

חושים

אַה! שוין ווידער פארגעסען ווער איך בין. (רוקט זיך אב)

בת־שבע

(באווייזט זיך אין קארידאר, באגלייט פון איהרע דינסטען) **ווער שטערט די נאכט מיט ווילדע געשרייען? וואס איז געשעהן?**

בניהו

(הויבט אויף צו איהר די באקיימעלטע הענט)

בת־שבע

(לויפט צו צו איהם) **בניהו אין קייטען?**

דן

אהן רשות האט ער זיך געריסען צום קעניג'ס טהיר. ער האט פארגעסען, אז אן אנדערער היט איצט דאס לעבען פון אונזער האר און קעניג.

בניהו

פארגעסען? ניין. בניהו האט ניט פארגעסען די שאנד וואס ברענט, ווי א דארן־קרוין, אויף זיין שטערן.

בת־שבע

איך ווייס אז בניהו'ס הארץ איז פארביטערט. איז ניט בת־שבע'ס? א בייזען חלום האט אונז יענע נאכט געבראכט און נאך ווייס איך ניט זיין באשייד. אבער איך וויל אז מיין אויג זאל בלייבען קלאהר. בניהו, זעה דו אז דיין ארעם זאל בלייבען שטארק. (גלעט זיינע באקייטעלטע הענט) **וואס האט מיט דיר פאסירט אין יענער נאכט, בניהו?**

בניהו

(ביטער) **ניט פיעל.** דורך שריפט און זיגעל האט **שלמה מיר** געהייסען צוריקגעבען די שווערט וואס האט איהם עלף לאנגע יאהר געדינט און זיין פאטער פאר איהם.

בת־שבע

און מיט וואָס האָסטו קענען שלמה׳ן געזינדיגט ?

בניהו

געזינדיגט ? (לאַכט) דאָס האָט די קעניגליכע שריפט ניט דערצעהלט. „גיב אָב מיין שליח די שווערט. דו אַליין געה צוריק אין דיין געבורטס־אָרט״. דאָס און ניט מעהר האָט שלמה מיר באַפוילען. דאָס און ניט מעהר איז געוועזן מיין לוין אין יענער נאַכט ווען דאָס פאָלק האָט זיך אַהיימגעקעהרט פון דעם גרויסען יום־טוב און שלמה׳ס שטוהל איז געשטאַנען פעסט ווי דער פעלזען פון באַרג מוריה.

בת־שבע

(צומומעלט) וואָס האָט פאַסירט מיט שלמה׳ן ? האָט ער זיין פאַרשטאַנד — — — (בעטענדיג) בניהו, דערפריש דיין זכרון. האָסטו שלמה׳ן מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ בליק געקרענקט ? האָט זיין שליח דיר ניט געזאָגט מעהר ווי אין דער שריפט איז געוועזן געשריבען ?

בניהו

זיין שליח ? (ביסיג) אָט שטעהט ער דאָ פאַר דיר ; (ווייזענדיג אויף דן) אָט יענער קנעכט וואָס פאַרנעהמט איצט מיין פּלאַץ.

דן

(סאַרקאַסטיש) מיין ענטפער וועט קומען שפּעטער, בניהו. איך וועל איהם שיקען אויף דעם שפּיץ פון מיין שווערט ; ער וועט זיין שאַרף גענוג.

בת־שבע

האָט שלמה איבערגעגעבען דאָס לעבען פון זיינע נאָהענטסטע אין די הענט פון זיינע דינער? (פויזע) מען זאָגט מיר אז שלמה איז נעכטען האַלבע נאַכט צוריקגעקומען פון תדמור. איז דאָס אמת?

בניהו

בת־שבע ווייסט ניט צי שלמה — — —?

בת־שבע

(ביטער) ניין, בת־שבע ווייסט ניט. איך וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין גרוס און אויף זיין קוש. איז שלמה צוריק אין זיין פּאַלאַץ?

חושים

דן, פאַרוואָס ענטפערסטו ניט? האַ? (פויזע) נו, וועל איך ענטפערן. אונזער האַר און קעניג איז צוריקגעקומען. אַבער זעהן וויל ער קיינעם ניט, וייל —

בת־שבע

זאָג איהם אז בת־שבע בעט.

דן

ניין איז ניט אַ וואָרט פאַר בת־שבע׳ס אויערען. שוויג איך.

בת־שבע

איז שלמה׳ס ליבשאַפט צו בת־שבע׳ן געשטאָרבען אין דער מדבר? האָט ער געביטען די מאַמע פאַר אַן אַנדערער אַזוי ווי ער האָט געביטען זיינע דינער? פרעמד זיינען מיר געוואָרען זיינע וועגען און פרעמד זיינען מיר די וואָס רינגלען

איהם אַרום. זאָל בת־שבע שטעהן ווי א דינסט ביי זיין טיר און וואַרטען אויף זיין גנאָד ?

דן

איך משפּט ניט מיין האַר און קעניג. איך טהו בלויז זיין באַפעהל. (צו די יונגען) פיהרט אַוועק בניהו'ן פון דאַנען. איהר וועט מיר ענטפערן פאַר איהם מיט אייערע קעפּ.

בניהו

(מיט אַ בליק פון האַס און פאראכטונג) די תפיסה איז ניט ערגער ווי שטעהן פנים צו פנים מיט אַ קנעכט וואָס הערשט. קומט !

(ער לאָזט זיך געהן מיט די יונגען)

בת־שבע

(רוהיג) גוט. איך וועל שטעהן פאַר בניהו'ס צעל ביז שלמה וועט אַליין קומען איהם באַפרייען. (לאָזט זיך געהן מיט בניהו און די יונגען).

נתן

(באַווייזט זיך אין דער טיר, לינקס ; שלאָגט זיך אָן אויף דער אַרויס־געהענדיגער גרופּע ; אַ מינוט פון שווערען שטילשווייגען ; ער שרייט אויס) איז דאָס אמת ?

בת־שבע

פאַרוואָס ציטערן דיינע הענט, נתן ? וואָס פאַר אַ שרעקליכע בשורה האָט מען דיר געבראַכט פון שלמה'ס פּאַלאַץ ?

נתן

האָט בניהו אויפגעהויבען אַ מערדערישע האַנט אויף דעם געזאַלבטען פון גאָט ?

בת-שבע

(פארוואונדערט) אַ מערדערישע האַנט? בניהו?

נתן

ווילדע קלאַנגען טראָגען זיך אַרום די מויערען פון פּאַלאַץ און נתן וויל וויסען. פאַרוואָס די קייטען אויף דיינע הענט, בניהו?

בניהו

ניט מיך פרעג, נתן, נור יענעם קנעכט וואָס טראָגט איצט דעם קעניג׳ס שווערט. אַ געפאַנגענער איז שלמה אין זיינע הענט. דן הערשט איצט אין ירושלים.

נתן

האָט גאָט צודרעהט אייערע צונגען? האָט אַ מזרח-ווינד צוגליהט דעם מאַרך אין אייערע קעפּ? אין דרויסען זאָגט מען אַז שלמה איז דערטרונקען אין זיין אייגען בלוט; דאָ— אַז ער איז געפאַנגען אין די הענט פון אַ קנעכט. וואָס איז דאָ געשעהן? (פּויזע) וואו איז שלמה? (צו דן) זאָג דיין האַר און קעניג אַז נתן וויל איהם זעהן.

דן

איך וויים דעם ענטפער פאַראויס.

נתן

איך אויך. (לאָזט זיך געהן צו די טרעפּ)

דן

(פאַרשטעלט איהם דעם וועג) דער ענטפער איז ניין!

נתן

ניין? דער מעכטיגער דוד האָט ניט געוואגט זאָגען ניין צו נתן. ווער שלמה׳ס קנעכט — — — ?

דן

ניט איך, געטליכער מאַן, ניט איך. דאָס איז דער באַפעהל פון מיין האר און קעניג.

נתן

בליהען ווייסע קרעץ אויף שלמה׳ס פנים וואָס ער שעהמט זיך צו ווייזען? באַהאַלט ער זיך בלויז פאַר בניהו׳ן און בת שבע׳ן און נתן׳ען צי אויך פאַר גאָט? (פויזע) באַוואַפענטע קנעכט האָבען מיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט אויף מיין וועג. טרעט אָב! (שטופּט אָב דן׳ן אָן אַ זייט).

דן

(שרייט) שליסט די רייהען!

יונגען פון וואַך

(פאָרמירען אַ לעבעדיגע וואַנט פאַר די טרעפּ)

נתן

נאַרישער קנעכט, נתן׳ס וואַך איז גרעסער ווי דיינע. הערט! (פויזע; פון דרויסען הערט זיך אַ געררויש ווי פון אַ ווייטען דונער) זיי וועלען מיר דורכברעכען אַ וועג צו שלמה׳ן. (געהט שנעל צו דער טיר לינקס)

דן

חושים, פאַרשטאַרק די וואַך ביי די טוירען פון פאַר-הויף. שנעל!

חושים

אַ קאַלטער ווינט בלאָזט אין פאַר־הויף און חושים — — —

דן

(שאַרף) פאַרשטאַרק די וואַך און פאַרנעם דיין פּלאַץ !

חושים

(דערשראָקען) שוין, שוין, שוין ! (גיט דריי שאַרפע קלינג אין אַ גרויסער טאַץ ; לויפט צו דער טיר לינקס) אין פאַרהויז בלאָזט אַ קאַלטער ווינט — (אָב)

(טומעל אין דרויסען ווערט שאַרפער. וועהרענד די יונגען פון דער וואַך שטראָמען אַריין פון קאָרידאָר און פון זייטיגע טירען, עפענען זיך די טירען פון פּאַסאַד. צוויי יונגע ריזען טראָגען אויף זייערע הענט דעם אַלטען חושים, וואָס ווערט זיך לפנים'דיג. נאָך זיי שטראָמט אַריין אַן אויפגערעגטע מאַסע וואָס טומעלט, זשעסטיקולירט, הויבט די פויסטען ; עטליכע טראָגען ברענענדיגע שטורקאַצען. נתן איז אין צענטער פון דער גרופּע)

דן

(הויבט אויף זיין שווערט) ווי וואַגט איהר זיך אַריינצורייסען אין — — — — ?

אַ שטימע

איז דאָס דער קנעכט וואָס קיניגט איבער אונז ?

אַ צווייטע שטימע

נתן, האָט דער דאָרט פאַרשטעלט דיין וועג צו שלמה'ן ?

נתן

דער דאָרט !

שטימען

קנעכט! דערשטעכט דעם הונט! (טומעל וואקסט)

דן

(שפרינגט אַרויף אויף די טרעפּ; שרייט) פארלאָזט דעם פּאלאַץ די מינוט!

א שטימע

מיט דיין קאָפּ אויף א שפּיז! (אַ ווילדער געלעכטער פארהילכט דעם סאל)

דן

(באפעהלט) יונגען! רייניגט אוים דעם סאל!

יונגען פון וואך

(שטרעקען אוים זייערע שפּיזען; שריט ביי שריט שטופען זיי אָב די אויפגערעגטע מאַסע. טומעל און געשריי וואַקסט. די צוויי יונגע ריזען רייסען זיך אַריין אין די געשלאָסענע רייהען פון דער וואך, אַנדערע נאָך זיי. געראנגעל)

נתן

(הויבט אויף זיינע הענט און שרייט) באהאַלט אייער מאָרד-געצייג, קנעכט! הערט אויף טומלען, איהר איינוואוינער פון ירושלים! הערט מיך! (טומעל ווערט שוואַכער) מורא'דיגע בשורות האָבען היינטיגע נאכט אונזער שלאָף געריבט. זאָ-גען די אז בניהו האָט אויפגעהויבען זיין האַנט קעגען שלמה'ן; זאָגען אַנדערע אז שלמה איז געפאנגען אין זיין אייגענעם פּאלאַץ. ווילט איהר וויסען באשייד?

שטימען

באשייד! באשייד!

נתן

און ווער קען אונז געבען באשייד אויב ניט שלמה אליין? זאָג איך צו דעם וואָס טראָגט שלמה'ס שווערט: דינער, געה זאָג דיין האר און קעניג אז זיין פאָלק וויל איהם זעהן פנים צו פנים. רעדט איך ניט פון אייער הארץ, ברידער?

שטימען

פון אונזער הארץ! פון אונזער הארץ!

נתן

און וויל ניט דער דינער ברענגען אונזער שליחות, וועלען מיר אויפהויבען אונזער קול און איהם אליין רופען. (שרייט) באַ-וויז זיך צו אונז, שלמה!

שטימען

שלמה! שלמה!

נתן

הער אונזער געשריי!

שטימען

הער אונזער געשריי! אונזער געשריי!

(פויזע; אויף דעם האַלב־פינסטערען באַלקאָן עפענט זיך אַ טיר).

אַ שטימע

(פון אינוועניג רופט אויס) אונזער האר און קעניג!

אשמדי

(איינגעהילט אין קעניגליכען מאַנטעל, קומט אַרויס אויפ'ן באַלקאָן; זיין פנים בלייבט אומקלאָהר אין דעם האַלב־טונקעל) אין דער שטיל-קייט פון דער נאַכט האָב איך דערהערט אייער געשריי. וואָס האָט אייך אַרונטערגעשלעפּט פון אייערע געלעגערס, איהר

איינוואוינער פון ירושלים ? וואָס ברענגט איך צו מיר ?

נתן

(פאַרוואונדערט) האַ ? (פויזע) רעדט דאָס שלמה צו אונז פון דער פינסטערניש ? האָבען מיינע אַלטע אויערען פאַרגעסען דעם קלאַנג פון זיין קול ?

(אַ טיעף מורמלען הערט זיך פון די אַרומיגע ; זיי קוקען דערשראָקענע איינער אויפ׳ן צווייטען)

אשמדי

(לאַכט שטיל) בלויז פינף חדשים האָב איך פאַרווײלט אין תדמור און בין איך שוין אַ פרעמדער נתן׳ן ?

נתן

האַ ? (צוטומעלט) פרעמד דאָס קול און הארט דאָס וואָרט. (מיט אַן אַנגעשטרענגטען בליק) ווער רעדט צו אונז דאָרט ?

אשמדי

(לאַכט) דער וועמען דו הערסט. (פויזע) און אפשר איז נתן ניט שולדיג וואָס ער דערקענט מיך ניט. עס קומט אַמאָל אַ צייט ווען דער מענש שפרייזט אַריבער די גרעניץ צווישען שפּראָס און בוים. פון ווייך-גלאַטיגען, פאַר׳חלום׳טען אינגעל ווערט אַ מאַן, פול-בלוטיג און שטאַרק. דאָס אויג ווערט קלאָהר, דאָס פּנים שאַרף און פעסטער קלאַמערט זיך די פויסט אַרום דעם וואָס ער רופט זיינס. מעגליך אַז ניט-וויסענדיג האָב איך אין תדמור אַריבערגעשפרייזט אַט-די גרעניץ. מעג-ליך אַז ניט בלויז קול, נור אויך גאַנג און בליק האָבען זיך געביטען. מעגליך ! נור ווער ווערט זיך פאַרענטפערן פאַר דעם וואונדער פון אייביגען בייט וואָס ליגט אין אונז ? גענוג !

אייער קעניג שטעהט פאר אייך און איז גרייט צו הערען אייער פארלאנג.

נתן

רעטעניש אויף רעטעניש שפינט די נאכט. (ווי פאר זיך) איינ־געהילט אין קעניגליכען מאנטעל שטעהט דארט ווער און רעדט. היימיש קלינגט דער געדאנקען־שפיל אויף יענע ליפען. אבער — שארף און שפיציג ווי א פייל. (אין פארצווייפלונג) גאט, עפען די אויגען פון נתן. גיב מיר א צייכען!

אשמדי

(איראניש) און וועט גאט ניט הערען ווען נתן בעט? א צייכען וויל נתן? אט איז דער צייכען וואס וועט עפענען זיינע אוי־גען. חושים!

חושים

(געהט ארויף די טרעפ; פארציטערט) האר און קעניג.

אשמדי

ווייז דעם רינג נתן'ן און די איינוואוינער פון ירושלים.

חושים

(נעהמט די סיגנאל־טאץ אויף וועלכער אשמדי לעגט ארויף דעם רינג. ער טראגט איהם מיט גרויס פייערליכקייט צו נתן'ן און צו די ארום איהם. פויזע. ער ברענגט דעם רינג צוריק צו אשמדי).

נתן

שלמה'ס רינג. (פארנייגט זיך טיעף) שלמה'ן גיבען מיר אונזער ברכה. זאל זיין קומען זיין אין פרידען.

שטימען

פרידען אונזער האַר און קעניג! (אַלע פאַרנייגען זיך טיעף, חוץ בניהו און בת־שבע)

אשמדי

פרידען אייך, איינוואוינער פון ירושלים. (דערזעהט בניהו'ן) ווער איז דער צווישען אייך מיט קייטען אויף זיינע הענט? אַה, בניהו! וואָס האָט פּאַסירט, דן?

דן

אַהן רשות האָט ער זיך געוואָלט אַריינרייסען צו מיין האַר און קעניג.

אשמדי

אַהן רשות! און ווער האָט איהם געגעבען רשות צוריק־קומען אין ירושלים? האָב איך ניט באַפוילען אַז ער זאָל צוריקגעהן אין זיין דאָרף און ענדיגען זיינע יאָהר אין שטילען ווינקעל?

בניהו

(טהוט אַ שפּאַן נעהענטער צום באַלקאָן; ער גראָבט איין זיינע אויגען אין דעם האַלב־טונקעל וואָס וויקעלט איין אשמדי; פּלוצלינג טהוט ער אַ געשריי) ניט שלמה — זיין בייזער שאָטען רעדט צו אייך איצט!

שטימען

הא? וואָס זאָגט ער?

אשמדי

(לאַכט) ער רופט מיך דער בייזער שאָטען פון שלמה און ער איז גערעכט. פאַר איהם בין איך ניט מעהר ווי דער בייזער

שאָטען פון יענעם אינגעל־קעניג וואָס האָט זיך געמוזט אָנ־לעהנען אויף זיין שטאַרקען אָרעם. דער בלוטיגער צייכען פון מיין טראָהן איז בניהו געוואָרען און איך וויל פרידען. (שאַרף) דן, זעה אַז בניהו זאָל צוריקגעהן אין זיין דאָרף און שווייגען.

בניהו

שווייגען ? ווער וועט שווייגען ווען דאָס גליהענדיגע וואָרט פאַרברענט די ליפּען ? (צו די אָרומיגע) ניט שלמה, מילד ווי די מאָרגען־זון, וויל מאַכען די מיסט־קופּע פון אַ דאָרף די גרעניץ פאַר בניהו׳ן ; ניט שלמה, דער ליבלינג פון גאָט, האָט זיין געטרייען קנעכט פאַרשטויסען ווי אַ קרעציגען הונט. דער דאָרט — דער וואָס הילט זיך איין אין שאָטען — דער איז — ניט שלמה.

נתן

(ערשטוינט) וואָס פאַר ווערטער רעדט בניהו ?

שטימען

ער לעסטערט ! ער שעלט זיין קעניג !

בניהו

בלינד איז נתן און בלינד די אָרום איהם. מיינע אויגען זיינען שאַרף און איך זעה. (קלאַפּט זיך אין ברוסט מיט די באַקיימעלטע הענט) איך זעה !

בת־שבע

(פאַרציטערט) וואָס זעהסטו, בניהו ?

בניהו

(שרייט) אשמדי !

(סצענע; בת־שבע פארהילט איהר פנים אין מאַנטעל; די איבריגע שטעהן דערשראָקענע; ליפען מורמלען: „אַשמדי! אַשמדי!")

בניהו

וועהט ניט איבער אייערע קעפּ זיין אָטעם ווי א ווינט פון די פינסטערע בערג? הערט איהר ניט דעם ברום פון פאַר־שטיקטער רציחה אין זיין קול? נתן האָט געזעהן שלמה׳ס רינג און ער איז צופרידען. איך אָבער זעה מעהר ווי נתן. פאַרוואָס פאַרהילט ער זיך אין פינסטערניש? זאָל ער אַרונ־טערקומען צו אונז. זאָל דאָס ליכט פאַלען אויף זיין פנים און אויך איהר וועט זעהן.

אשמדי

(מאַכט אַ זשעסט ווי אַרונטערצוגעהן; בלייבט אָבער שטעהן; ברומט)

ניין! זאָל אַ קעניג זיך דערנידריגען כדי צו טהון דעם ווילען פון אַ ווידערשפּענסטיגען קנעכט? היינט הייסט ער מיר אַרונטערגעהן צו אייך; מאָרגען וועט ער מיך שיקען איבער די גאַסען פון ירושלים, כדי ווייבער און קינדער זאָלען מיר קוקען אין פנים אַריין און מיך דערקענען. (מיט אַ ביסיגען לאַך) אפשר וואָלט בניהו אַרויפגעקומען אַהער און געמאָסטען די לענג פון מיין באָרד?

נתן

דו האָסט שווער געזינדיגט, בניהו.

דן

איך וואַרט אויף דיין באַפעהל, אָ האַר און קעניג!

אשמדי

דו ביזט גערעכט, דן. בניהו רופט שלמה׳ן אשמדי, כדי

שלמה'ן צו פארטיליגען. בניהו האט א הארטען געניק ; זעה
אז דיין שווערט זאל זיין שארף.

בניהו

ווער וויל לעבען אז אשמדי קיניגט ? (צו בת־שבע'ן) געטריי
האב איך געדינט דוד'ן און דיר און שלמה'ן. גיב דו מיר איצט
מיין לוין ; מיט דיינע הענט עפען דעם האלז־באנד פאר דער
שווערט פון מערדער.

בת־שבע

דו וועסט ניט שטארבען, בניהו. (שטיל) איך וויל ניט. נאך
נויטיגט זיך שלמה אין דיין שטארקען ארעם.

בניהו

איז די מאמע אויך בלינד ? איז דער קעניגליכער מאנטעל
געננוג — — — ?

בת־שבע

שוויינ, בניהו. בת־שבע וועט איצט רעדען פאר דיר.

אשמדי

און וואס וועט בת־שבע זאגען פאר דעם מורד ? וויל זי איהם
מישען דעם לעצטען בעכער ווין כדי זיין טויט צו פארזיסען ?

בת־שבע

(מיט אנשטרענגונג) גרויס איז די גנאד פון מיין הער און קעניג.
אבער בת־שבע בעט מעהר ווי דאס. שענק איהר בניהו'ס
לעבען.

אשמדי

(ברוממט) שענקען בניהו'ס לעבען ? (פויזע) איהר איינוואוינער
פון ירושלים האט געהערט ווי דער קנעכט האט געלעסטערט

זיין קעניג. ענטפערט איהר מיר: זאָל בניהו ווידער זעהן דאָס ליכט פון דער זון? זאָל איך אויפבינדען די הענט וואָס ווילען פארשפרייטען אַ נעץ פאַר מיר? נתן, מאַן פון גערעכטיגקייט, ענטפער דו פאַר זיי.

נתן

אַ שטומער שטעה איך. מיין אויג איז טריב און קען ניט זעהן. איך ווייס: שלמה'ס לעבען איז ניט בלויז זיין אייגענס; זיין סכנה איז אויך אונזערע. (פויזע) אָבער בת־שבע איז קלוג ווי אַ מלאך פון גאָט און — בת־שבע בעט.

שטימען

(מורמלען) בת־שבע בעט!

אשמדי

בת־שבע בעט. (פויזע) געזעהן האָט זי דעם קנעכט זיך פאַרמעסטען אויף מיין טראָהן און זי בעט; געהערט האָט זי ווי ער רופט מיך אשמדי און זי בעט. בת־שבע! ווייסטו אַז דאָס וואָרט הענגט איצט ווי אַ שווערט איבער מיין קאָפּ? דו גלויבסט איהם ניט — איך ווייס. זיי גלויבען איהם אויך ניט. (פויזע) אָבער גלויבט איהר איהם טאַקי ניט? וועט איהר ניט אויפשווידערן יעדעסמאָל וואָס מיין שאָטען וועט פאַלען איבער אייער וועג? אָט געהט שלמה, וועט איהר זאָגען מיט אייערע ליפּען. אָבער אין דער טיפעניש פון אייער האַרץ וועט איהר אייך וואונדערן: איז דאָס שלמה? האָט ניט זיין אַלטער פריינד איהם גערופען אשמדי? ווי אַ גנב אין אַ גרוב וועט דער געדאנק זיך דורכבויערן אין אייער מוח: אפשר — אפשר איז דאָס אַשמדי? נתן, ענטפער מיר. אפשר בין איך אשמדי?

נתן

(הויבט אויף די הענט אין שרעק) הער אויף, אָה האַר און קעניג!

אשמדי

אהא! דער אַלטער נתן האָט זיך דערשראָקען. נייז אָבער האָט ער ניט געזאָגט. אין גאַנצען דערקענען דערקענט ער מיך שון אויך ניט. און דו, בת-שבע?

בת-שבע

אין שלמה׳ם גוטסקייט דערקען איך שלמה׳ן. (פויזע) שענק מיר בניהו׳ן!

אשמדי

אויב דו קענסט אָבווישען דעם אשמדי-פלעק פון מיין שטערן, וועל איך דיר דעם קנעכט געבען.

בת-שבע

גרוים און קליין ווייסען אַז בניהו האָט אשמדי׳ן אין קייטען געשלאָגען. שטאַרבט בניהו מיט דער שווערט וועט מען זאָגען: אין שלמה׳ם געשטאַלט האָט אשמדי גענומען נקמה פון זיין בלוטיגען שונא.

אשמדי

(לאַכט) קלוג איז בת-שבע און גוט איז זי. (פויזע) קום צו מיר און זאָל דיין מוטערליך אויג זיך איינגראָבען אין מיין פנים. זאָל דיין קוש אָבווישען דאָס גיפטיגע וואָרט פון מיין שטערן. דיר, בת-שבע, וועלען זיי גלויבען.

בת-שבע

(געהט שנעל אַרויף דעם באַלקאָן; די שטורקאַצען הויבען זיך אויף ווי פון זיך אַליין און וואַרפען אַ ליכט־צירקעל אויף דער סצענע)

אשמדי

(דערפיהלט דאָס ליכט; מיט אַ ווילדען זשעסט כאַפּט ער בת־שבע'ן אין זיינע אָרעמס און באַהאַלט זיין פּנים אין איהר ברוסט; ברומט שטיל)
ווייב, רעדט צו זיי!

בת־שבע

(אָטעמט שווער; מיט גרויס אָנשטרענגונג) **שלמה!**

נתן

(אין עקסטאַז) **געלויבט איז דער גאָט פון דוד! בניהו, דו ביזט פריי!**

שמעון

בניהו איז פריי! גרויס איז די גנאָד פון שלמה!

(סצענע. טירען צום פּאַסאַד עפענען זיך; דאָס פאָלק הויבט אָן אַרויס־שטראָמען, וועהרענד דן נעהמט אַרונטער די קייטען פון בניהו'ס הענט).

אשמדי

(האַלט בת־שבע'ן פעסט אין זיינע אָרעמס; זיין געלעכטער קלינגט טיעפער און שאַרפער פון דעם האַלב־טונקעל וואָס הילט איהם אַרום)

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט

דער טויער פון קוואַל.

פון טויער אַ ברייטער וועג וואָס פירט אונטען אין טהאָל אַריין. ביי דער זייט פון וועג אַ גרויסער, פלאַכער שטיין.

אין הינטערגרונד, אַ פּאַרזונקענער גאָרטען. דער טויער איז פאַרמאַכט. פריה־מאָרגען.

ערשטע גרופּע בעטלער

(שטעקען אַרויס די קעפּ איבער דעם ברעג פון פאַרזונקענעם גאָרטען ; זינגען) :

גערויזט האָט אַ וואָרעם אין קריכיגען שלאַם ;
קאָפּ — קליינטשיק ; גרויס נור דער מאָגען.
וואָס קרומט ער דעם רוקען ? וואָס שפּייט ער מיט סם ?
ס־ס־ס־פּו ! שפּריצט דאָס צינגעל מיט פלאַם —
אהא !
די זון האָט דאָס קעפּעל געשלאָגען —
איז ס־ס־ס־פּו ! איז ס־ס־ס־פּו ! (קעפּ פאַרשווינדען)

צווייטע גרופּע בעטלער

(ווי פריהער)

געלאַכט האָט דאָס טייכעל, דער גאָרטען געבליהט ;
דרעהט זיך דער וואָרעם אין דרייען.
אַט טאַנצט וואָס און פינקעלט, אַט לייכט וואָס און גליהט.

וואָס-האָ? האָט זיך דאָס קעפּעל געמיהט —
אהא!
„גין-גאָלדענע לאָקשען צו קייען"
איז ם-ם-ם-פּו! איז ם-ם-ם-פּו! (קעפּ פארשווינדען)

דריטע גרופּע בעטלער

(ווי פריהער)

די מעשה האָבען גאָר א סך שוין געהערט;
פאַרשטאַנען האָבען נור ווענינ.
האָט גין-גאָלדען פייער דעם וואָרעם פאַרצעהרט?
ניין-ניין! ר'האָט זיך נור איבערגעקעהרט —
אהא!
און האָט זיך געקרוינט פאַר קעניג —
איז ם-ם-ם-פּו! איז ם-ם-ם-פּו!

(זיי שפּרינגען אַרויס אויף דעם וועג; די אַנדערע בעטלער נאָך זיי; די דריי גרופּען זינגען פּוגען־מעסיג)

בעטלער

וואו קיניגט דער וואָרעם?
איבער יבשה און ים.
און וואו הויזט דער קעניג?
אין קריכיגען שלאָס.
אהא!
אי דאָ אי דאָרט; אי דאָרט אי דאָ —
איז ם-ם-ם-פּו! איז ם-ם-ם-פּו! (צולאַכען זיך הילכדיג)

ערשטער בעטלער

זעהט נור! (באַשאַטענט די אויגען מיט דער האַנט) בכורים-טרע־גער! עולי-רגל! זיי קומען אויף אלע וועגען.

צווייטער בעטלער

(קוקט) איך זעה זיי. די פרוכט-קאָרבען זיינען שווער געלאָדען.

דריטער בעטלער

(לאַכט ציניש) אהא! טייטלען און מילגרוימען פאַר די כוהנים־אייזעלאך. כאַ-כאַ-כאַ!

ערשטער בעטלער

לעסטערער! טשעפּע ניט גאָט'ס דינער. באהאלט דיין צאָרן פאַר אַן אַנדערען.

צווייטער בעטלער

יא — פאַר אַ שטאַרקערען. (הויבט אויף די פויסט קעגען טויער) ווען צו דיר האַר פון פינסטערניש. אין אַ פרעמדען מאַנטעל האָסטו דיך איינגעהילט; אויף א טראָהן וואָס איז ניט דיינער האָסטו דיך געזעצט. אונזער קעניג האָסטו פאַרטריבען און זיינע געטרייע זיהן מוזען זיך באַהאַלטען אין לעכער און אין היילען. (רופט) נאָהענט איז דיין בראָך, אשמדי!

ערשטער בעטלער

שווייג! וואַרטען און שווייגען האָט אונז בניהו געהייסען.

בעטלער

(צווישען זיך) וואַרטען! שווייגען! מיר זיינען שוין מיד!

דריטער בעטלער

(ציניש) שלמה אליין איז שוין אויך מיד. היינט-מאָרגען וועט

איהר הערען אז ער האָט זיך אַרויסגעזוכט אַ נייע מלוכה. אין אונז האָט ער פארגעסען.

בעטלער

(שפרינגען אויף פארציטערטע) פאַרגעסען ? ניין ! ניין !

ערשטער בעטלער

אייער הארץ זאָגט אייך דעם אמת. שלמה פארגעסט נישט. אזוי זאָגט אונזער עלטסטער בניהו — און בניהו ווייסט. (פויזע) היינט איז ווידער ביי אונז אַ טאָג פון האָפנונג. זעהט ! אויף אַלע וועגען און אויף אַלע שטעגען שטראָמען די עולי־רגל קיין ירושלים (מיסטעריעז) דער מענשען־שטראָם וואָס טראָגט זיך אַהער, וועט אויך ברענגען איינעם וואָס וועט אונזער הארץ דערפרעהען. ווארט און איהר וועט זעהן.

בעטלער

(רינגלען איהם אַרום) ווער האָט דיר געבראכט די גוטע בשורה ? הא ?

ערשטער בעטלער

ווארט און איהר וועט זעהן.

(וועהרענד דעם הערט זיך פייפעל־שפיל און געזאַנג. אַ פראָצעסיע פון בכורים־טרעגער קומט אַרויף פון וועג ; צווישען זיי אויך שלמה און נעמה. זיי שטעלען אַוועק די פרוכט־קאָרבען ביים טויער ; זייער פיהרער קלאַפּט אָן)

טויער־וועכטער

(באַווייזט זיך אויפ'ן טורעם) ווער שטערט די רוה פון קעניגלי־כען פאַלאַץ ?

פיהרער.

עפען, טויער־וועכטער. בכורים ברענגען מיר.

טויער־וועכטער

ניט צום טעמפעל, נור צום קעניגליכען פּאַלאַץ, פיהרט דער טויער און ער בלייבט פאַרשלאָסען פאַר אַזוינע ווי דו.

פיהרער.

(פאַרוואונדערט) פאַרשלאָסען פאַר אַזוינע ווי איך? בין איך — — — ?

דריטער בעטלער

(רוקט זיך אונטער) קום אַהער, פריינד, און איך וועל דיר עפּעס זאָגען. דער האַר און קעניג האָט אַ שווערען קאָפּ און אַ לייכטען שלאָף. די קלאַפּעריי פון פים וועט איהם אויפ־וועקען. שאַ! (ער און די אַנדערע בעטלער צולאַכען זיך)

פיהרער.

(צוטומעלט) פון אונזער דאָרף איז אַ ווייטער מהלך קיין ירושלים. און איצט אַז מיר שטעהען פאַר דעם טויער, לאָזט מען אונז ניט אַריין.

ערשטער בעטלער

(שטיל און מיט באַטאָנונג) אָט וויל דו קומסט פון ווייט, ווייסטו ניט וואָס דאָ טהוט זיך. ווי א פינסטערער שד אַזוי באַהאַלט דער קעניג זיין פנים פון פאָלק. אַ באַלאַגערטע פעסטונג איז געוואָרען דער קעניגליכער פאַלאַץ. אַרום, אַרום, אַרום, פאַר דיר און מיר און אונזער גלייכען; קומען נאָהענט לאָזט מען ניט. (פויזע) אה? דו פאַרשטעהסט ניט מיינע רייד? ס'וועט קומען אַ טאָג, פריינד, און אויך דו וועסט פאַרשטעהן.

טויער־וועכטער

(שרייט) דו, פויער, היט דיינע פרוכט־קאָרבען און דיינע אויערען. אין די קאָרבען וועט דיר בלייבען צו ווענינ; אין די אויערען צופיעל. געה דיין וועג.

פיהרער

נו, זאָג, דורך וועלכען טויער וועט מען אונז אַריינלאָזען אין ירושלים?

טויער־וועכטער

געה צום טויער פון די שאָף; דאָרט — אין צפון זייט פון טעמפעל.

צווייטער בעטלער

צו דעם טויער פון די שאָף! אָט דאָס איז דער צייכען. ווי שאָף וואָס ווערען פאַרצוקט פון וואָלף, אַזוי וועט אשמדי — — —

ערשטער בעטלער

(לעגט איהם אַרויף די האַנט אויפ'ן מויל) האַלט איין דיין אָטעם! דער טויער־וועכטער האָט שאַרפע אויערען און דן — אַ שאַרפע שווערט.

פיהרער

(גיט אַ צייכען די בכורים־טרעגער. די פּראָצעסיע הויבט זיך ווידער אָן באַוועגען דורך אַ זייטיגען שטעג אין טהאָל אַריין)

טויער־וועכטער

(פאַרשווינדט פון טורעם)

דריטער בעטלער

(צו שלמה'ן וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט שווייגענדיג) וואָס

זיצסטו דאָ, פרעמדער? דיין חברותא געהט צום טויער פון די שאָף.

שלמה

דאָס איז ניט מיין חברותא, פריינד. בלויז היינט פאַרטאָג האָב איך זיי באַגעגענט לעבען בית-לחם.

צווייטער בעטלער

(זוכט מיט די אויגען) און וואו איז דיין פרוכט-קאָרב? קומסטו מיט ליידיגע הענט קיין ירושלים?

שלמה

(שמייכעלט טרויעריג) יא — מיט ליידיגע הענט און מיט א שווער געמיטה.

ערשטער בעטלער

אהא! איינער פון אונזערע! (זעצט זיך לעבען שלמה'ן) זאָג נור, פריינד, ווייסטו ווער ס'זיצט איצט אויף דוד'ס שטוהל?

שלמה

זיצט עמיצער אויף דוד'ס שטוהל? (פויזע) שוין מעהר ווי דריי יאָהר וואָס א בייזער ווינט האָט מיך אַוועקגעטראָגען פון ירושלים. איך ווייס ניט ווער עס קיניגט דאָרט. קלאַנגען האָבען זיך צו מיר דערטראָגען, אז איינער וואָס רופט זיך שלמה — — —

ערשטער בעטלער

(שפּרינגט אויף) דו ביזט גערעכט, פרעמדער! איינער וואָס רופט זיך שלמה אָבער וואָס האָט מורא צו ווייזען זיין פנים אין ליכט פון דער זון. (שטילער) דער האר פון פינסטערניש איז ער.

שלמה

דער האַר פון פינסטערניש ? (פויזע) אה, איך קען איהם און איך קען זיין גבורה. דער האַר פון פינסטערניש.

צווייטער בעטלער

איהר הערט ? ער קען איהם ! ער קען איהם ! און ווער ביזט דו ?

ערשטער און דריטער בעטלער

יא — און ווער ביזט דו ?

שלמה

(שווייגט ; פארהילט זיין פנים אין מאַנטעל)

בעטלער

(ערשטוינט) זעהט נור ! ער פארהילט זיין פנים אין מאַנטעל ! ווער איז ער ?

נעמה

איהר וואונדערט אייך וואַס ער פארהילט זיין פנים אין מאַנ־טעל און שווייגט ? וואונדערט אייך ניט. וואַכען און חדשים שוין וואַנדער איך מיט איהם איבער די שטעדט און דערפער פון אייער לאַנד. גערן האַט ער זיין נאָמען דערמאָהנט צו די וואַס האָבען איהם געפרעגט ; גערן האַט ער אנטפלעקט זיין שטאַם און זיין שטאַנד. ערווארט האַט ער צו זעהן פרייד־טרעהרען אין די אויגען ; געהאָפט האַט ער אַז הענט, וואַ־רימע און גלעטענדיקע, וועלען זיך צו איהם אויסשטרעקען. (פויזע) האַט אָבער אַ שפּאָטישער לאַך איהם באגעגענט און גיפטיגע צונגען האָבען זיין מאַנטעל באשפיגען. איצט

שווייגט ער; און איך, מיט איהם. (הילט איין איהר פּנים אין מאַנטעל; זעצט זיך לעבען שלמה׳ן)

דריטער בעטלער

(טאַנצט אויף־און־אַפּ און לאַכט הילכדיג) כאַ־כאַ־כאַ! האַ־האַ־האַ! די צוויי שפּילען אַ פיינעם שפּיל!

ערשטער בעטלער

(טרייסעלט איהם) דו! וואָס באַטייט דער געלעכטער?

דריטער בעטלער

(לאַכט) דאָס איז דאָך שלמה. ער שווייגט און זי דערזאָגט ניט און פון דעם קומט אַרויס אַז ער איז שלמה. כאַ־כאַ־כאַ!

ערשטער בעטלער

און אפשר איז ער שלמה? (געהט צו נעהענטער) היל אויף דיין פּנים, פרעמדער. ביזט דו דער זוהן פון דוד? (פּויזע) דו שווייגסט? טאָ הער! אונזער עלטסטער איז בניהו דער זוהן פון יהוידע.

שלמה

(שטעהט אויף) בניהו? אויב דו ווייסט וואו ער איז, רוף איהם אהער.

צווייטער בעטלער

(עקסטאַטיש) איך וועל ברענגען די פרעהליכע בשורה אונזער עלטסטען. (טהוט אַ שפּרונג און פאַרשווינדט אין פאַרזונקענעם גאָרטען)

אַנדערע בעטלער

פאַרוואָס ער? פאַרוואָס ניט איך? (לויפען און פאַרשווינדען)

ערשטער און דריטער בעטלער

(רוקען זיך אָב אין הינטערגרונד. ערוואַרטונג, פרייד און מורא שפּי־לען זיך אָב אויף זייערע פּנימ'ער).

נעמה

ווי וואונדערליך דיין קול האָט געקלונגען, האַר און געליב־טער. נור אַ קעניג קען באַפעהלען אַזוי שאַרף און אַזוי רוהיג.

שלמה

אַ קעניג? (שמייכעלט טרויעריג) גרוים איז דיין אמונה, נעמה. איך האָב שוין אַליין באַלד אויפגעהערט גלויבען אַז איך בין שלמה און אַ — קעניג. (צערטליך) און דו, געליבטע, האָסט די נאַכט געשלאָפען אויף דער הארטער ערד.

נעמה

צו וואָס דיין רחמנות, האַר פון מיין האַרץ? ס'האָבען ניט געפעהלט ווייכע בעטען אין פּאַלאַץ פון רבת־עמון. און האָב איך איהם ניט פאַרלאָזען מיט פרייד ווען דו, דער קנעכט, האָסט מיך גערופען?

שלמה

אַ יונגע לייביכע איז מיין נעמה. ווער עס האָט זיין קעניגרייך פאַרלוירען דיך צו געווינען, האָט אַלץ געוואונען.

בניהו

(אין בעטלער־קליידער באווייזט זיך; נאָך איהם די אַנדערע בעטלער. אַ מינוט באַטראַכט ער שלמה'ן שווייגענדיג; פּלוצלינג וואַרפט ער זיך אויף די קני און באריהרט די ערד דריי מאָל מיט זיין שטערן)

שלמה

(געהט צו צו איהם) ניט אויף די קני, בניהו. מיינע אָרעמס וועלען דיך האַלזען. (נעהמט איהם אַרום)

בעטלער

(קניען) שלמה! אונזער האַר און קעניג! (סצענע)

בניהו

(אין עקסטאַז) דער טאָג אויף וועלכען מיר האָבען געהאָפט איז דאָ! אייערע אויגען זעהן איצט דעם שפּראָס — — —

(זיין שטימע ברעכט; ער ציטערט קאָנוואולסיוו)

שלמה

(שמייכעלט) בעטלער וואָס בייגען די קני פאַר אַ בעטלער. אויך דאָס פּאַסירט אונטער דער זון. הייס זיי אויפשטעהן, בניהו.

בעטלער

(שטעהען אויף)

בניהו

אין זיינע רייד דערקענט מען שלמה׳ן. פון ביטערער פרוכט זויגט שלמה האָניג; פון זיין אייגענעם אומגליק — קלוגשאַפט. נור פול-צום-איבערגעהן איז מיין האַרץ און איך קען קיין ווערטער ניט געפינען. (פויזע) זאָג — זאָג — וואָס האָט פּאַסירט אין יענער נאַכט?

שלמה

דאָס וואָס פּאַסירט יעדען וועמעס תאוה איז גרעסער פון זיין כח. מיין אויג האָט געוואָלט פאַרכאַפּען די גאַנצע וועלט; איך האָב געוואָלט דערגרייכען דעם קוואַל פון אַלץ און גאַרניט. האָט אַ בייזער ווינט מיך פאַרטראָגען אין דער מדבר.

א צוטומעלטער און פאַרלוירענער האָב איך ארומגע־בלאָנדזשעט. איך בין א בעטלער געוואָרען.

בניהו

אָבער — אָבער דער זיגעל־רינג אויף דיין פינגער ? ווי אַזוי האָט אשמדי — — — — ?

שלמה

(לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ) מיין שולד, בניהו. אַליין האָב איך איהם דעם רינג געגעבען. מיין תאוה צו זעהן איז געווען צו גרויס, צו גרויס. מיין כח און מיין גבורה האָב איך אַוועק־געגעבען. (פּויזע) האָט ער זיך אויך גענומען מיין מאַנטעל און מיין קרוין ?

בניהו

מאַנטעל און קרוין און שווערט און פּאַלאַץ און אפילו דיין נאָמען. (ווילד) שלמה רופט ער זיך ! שלמה רופט איהם דאָס פאָלק. בלויז איך — איך און די עטליכע דאָ מיט מיר ווייסען אַז דער האַר פון פינסטערניש זיצט איצט אויף דוד׳ם שטוהל.

שלמה

און זיי גלויבען דיר ניט ? דיר — בניהו׳ן ?

בניהו

ווער וועט גלויבען א בעטלער ? צו שווער איז געווען דאָס רעטעניש פאַר דעם פאָלק און, ווי תמיד, האָבען זיי געפונען אַן איינפאַכען ענטפער : ניטאָ קיין רעטעניש ; שלמה איז נאָך אַלץ מיט אונז כאָטש זיינע וועגען זיינען געוואָרען פרעמד און אונפאַרשטענדליך.

שלמה

און ווער וועט איצט עפענען זייערע אויגען ?

בניהו

אויג און וואָרט און שווערט. זאָל דאָס פאָלק דיך זעהן זייט ביי זייט פון אשמדי אין דעם ליכט פון דער זון. זאָל נתן, דער טרעגער פון גאָט׳ס וואָרט, אויפהויבען זיין שטימע פאַר רעכט און גערעכטיגקייט. און מיין שווערט — אויב דו וועסט מיר ווידער געבען דיין פריינדשאַפט און פאַרטרויען, אָה, האַר און קעניג — מיין שווערט וועט פאַרטיליגען די קנעכט וואָס רינגלען איצט אַרום דעם האַר פון פינסטערניש.

שלמה

איך בין ניט זיכער, בניהו, אויב מיין קעניגרייך איז ווערט איין טראָפּען בלוט פון אַ לעבעדיגען מענש.

בניהו

(פינסטער) וויל שלמה ענדיגען זיינע יאָהרען אַ בעטלער צווי־שען בעטלער ?

שלמה

(שמייכעלט) ער וויל. אָבער ער קען ניט. (פויזע) זאָל דער גאָט פון דוד שטאַרקען דיינע הענט, בניהו.

בניהו

(געהט צו צו די בעטלער) אונזער האַר און קעניג האָט גערעדט און איהר האָט געהערט. איצט הערט אייך צו צו מיינע ווער־טער און זאָל יעדער טהון זיין שליחות אָהן פאַרזאַמען. (צום ערשטען בעטלער) דו נעהם געניטע לייט און צושפּרייט זיי אי־בער אַלע וועגען וואָס פיהרען קיין ירושלים. זאָלען זיי אָב־

שטעלען די עולי-רגל און זיי דערצעהלען, אז ביים טויער פון קוואל וועט דער האר און קעניג זיך ווידער באווייזען צו זיין פאלק.

ערשטער בעטלער

(און גרופע אב)

בניהו

(צום צווייטען בעטלער) גנב׳ע דיך אריין אין שטאדט, זוך ארום דעם אלטען נתן און אזוי זאלסטו צו איהם זאגען: ניט אין הויף פון טעמפעל, נור ביים טויער פון קוואל וועט זיך היינט דאס פאלק פארזאמלען פון איהם צו הערען גאט׳ס ווארט.

צווייטער בעטלער

אויף מיינע ארעמס וועל איך איהם ברענגען. (אב)

בניהו

(צו די אנדערע בעטלער) און איהר דא, ברענגט גרינס פון פעלד און גארטען. יענעם שטיין וועלען מיר פארצירען און פון דעם פריש-באגרינטען טראהן וועט אונזער האר און קעניג ריידען צו זיין פאלק. ווען דאס פאלק——— (פארשווינדט צוזאמען מיט די אנדערע בעטלער אין הינטערגרונד)

שלמה

זעה איך טרעהרען אין דיינע אויגען, נעמה?

נעמה

די פרייד שלאגט אין מיין הארץ ווי א קוואל אין פריהלינג. האר און געליבטער, אונזערע וואנדער-טעג דערגרייכען זייער סוף. (קניעט און הויבט אויף די הענט צום הימעל) גאט פון שלמה, וואס איז איצט אויך מיין גאט! פארנעהם דאס געבעט פון

דיין דינסט. דערנידריגט האָסטו שלמה׳ן; דערהויב איהם ווידער. זאָל דיין גערעכטיגקייט שיינען ווי די זון און פאַר־יאָגען די וואָלקענס וואָס — — — (איהרע ליפּען מורמלען שטיל; איהר קערפּער ציטערט)

בניהו

(וואָס האָט זיך וועהרענד דעם אומגעקערט; צו שלמה׳ן) ווער איז די ביי דיין זייט, האַר און קעניג? איהר הייסע תפלה זאָגט מיר אַז זי איז נאָהענט צו דיר.

שלמה

אַזוי נאָהענט ווי דאָס עפּעלע פון מיין אויג. נעמה איז איהר נאָמען און שובי, קעניג פון רבת־עמון, איז איהר פאָטער. זי האָט מיר רייך באַצאָהלט פאַר דריי יאָהר קנעכטשאַפט און בעטלעריי.

בניהו

(באַטראַכט זי) די טאָכטער פון אַ קעניג און איינגעהילט אין בעטלער־קליידער?

שלמה

די טאָכטער פון אַ קעניג אָבער דאָס ווייב פון אַ בעטלער. איהר פאָטערס קנעכט בין איך געווען, ווען איהר לייטזעליג אויג איז אויף מיר געפאַלען. (בויגט זיך אָן און הויבט זי צערטליך אויף) ווייך ווי אַ טויב איז מיין נעמה; אָבער אויך שטאַרק און פריי און ווילד ווי אַ שפּערבער. צוליב דעם קנעכט האָט זי דער קעניגליכער פאָטער פון זיין פּאַלאַץ פאַריאָגט. און זי? מיט געזאַנג אויף די ליפּען האָט זי דעם טויער פון פּאַלאַץ פאַרלאָזען.

בניהו

(מיט באַוואונדערונג) בייג איך די קני פאַר דער טאָכטער פון שובי (קניעט).

נעמה

(מיט אַ שמייכעל) פאַרוואָס? ווייל איך האָב הינטער דער גראָבער לייווענט פון קנעכט דעם קעניג דערקענט? שטעה אויף, שטאַרקער מאַן און פריינד פון שלמה. אין די שטילע טעג וואָס קומען, וועלען מיר דיר דערצעהלען אַלץ וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט אויף אונזער וואַנדערונג. אין די קיהלע שאָטענס פון פייגענבוים וועלען די שווערע דערמאָנונגען פאַר־לירען זייער ביטערקייט. דערווייל — (וויזענדיג אויף דעם טויער) — דערווייל איז אונזער וועג נאָך ניט פריי. דער טויער איז פאַרמאַכט.

בניהו

(הויבט אויף די פויסט) אָבער ניט אויף לאַנג! (צו די בעטלער וואָס קומען אַרויף פון פאַרזונקענעם גאָרטען) דאָס ווייכע גראָז פאַר־שפּרייט אויף דעם פלאַך פון שטיין. אַזוי! איצט רינגעלט איהם אַרום מיט גרינע צווייגען. (בעטלער זיינען פאַרנומען באַ־צירענדיג דעם שטיין; צו שלמה'ן און נעמה'ן) ווילט איהר ניט וואַשען אייערע הענט און פיס און זיך דערפרישען ביים וואַסער־קוואַל?

שלמה

(שמייכעלט) קום, נעמה. מיר וואַנדערן ווידער. (געפיהרט פון אַ בעטלער, געהען זיי אַרונטער אין דעם פאַרזונקענעם גאָרטען)

בניהו

(צו זיך) אַלץ איז איצט גרייט. שלמה, נתן און בניהו וועלן זיך איצט מיט דיר פאַרמעסטען, אשמדי. היינט איז דיין לעצטער טאָג אין ירושלים.

(שטימען דערהערען זיך פון וועג. ערשטער בעטלער, פיהרענדיג אַ גרופּע עולי־רגל, קומט אַרויף פון וועג. אַ צווייטע גרופּע, געפיהרט פון דריטען בעטלער, קומט נאָך. נאָך זיי — איינוואוינער פון ירושלים. זייער צאָהל וואַקסט פון מינוט צו מינוט)

ערשטער בעטלער

(טומעלט) אָט דאָ איז דער אָרט! איצט איז די צייט! באַלד־באַלד — און אייערע אויגען וועלען זעהן אונזער האַר און קעניג אין זיין גאַנצער פּראַכט.

אַ שטימע

וועט ער קומען דורך יענעם טויער?

אַ צווייטע שטימע

ניין! דער טויער איז פאַרשלאָסען!

דריטער בעטלער

(לאַכט) וועלען מיר איהם עפענען. האָבען מיר ניט שטאַרקע פּלייצעס?

שטימען

מיר? מיר וועלען עפענען? אפשר זיך אריינרייסען? מיר?

(טומעל)

בניהו

הערט מיך צו! (דער טומעל ווערט שוואַכער) איהר זענט געקומען

זעהן אייער קעניג און, איידער די זון וועט זיך אָברוקען איין שפּאַן ווייטער, וועט ער שטעהן פאר אייך. (שטיל צום ערשטען בעטלער) זעה צי קומט שוין דער אלטער נתן. (וועהרענד דער ערשטער בעטלער פארשווינדט, רעדט בניהו ווייטער) יא — וועט ער שטעהן פאר אייך. נור ניט פון יענעם טויער וועט ער קומען און ניט אַנגעטהון אין אַ קרוין וועט ער זיך צו אייך באַוויי־זען. פון די טיפענישען פון אַט־דעם גאָרטען וועט ער ארויפ־קומען און אין גראָבער לייוועגט איינגעהילט וועט איהר איהם זעהן. (שטיל צום דריטען בעטלער) לויף אנטקעגען דעם אַלטען נתן. איילען זאָל ער זיך. (דריטער בעטלער פארשווינדט; רעדט ווייטער) איהר איינוואוינער פון — — —

פאָלק

(מורמעלט) רעטענישען רעדט צו אונז אַ בעטלער. מיר זענען געקומען זעהן דעם קעניג.

בניהו

טומעלט ניט. איך זעה אייערע פרעגענדיגע בליקען. רעטע־נישען — זאָגט איהר. גוט. וועל איך אייך צום רעטעניש דעם ענטפער געבען. דאָרט — הינטער יענעם טויער — הויזט איינער וואָס רופט זיך שלמה. איז ער שלמה, פאַרוואָס באַ־האַלט ער זיך איין שוין דריי יאָהר פון אונזערע בליקען? פאַר־וואָס הילט ער זיך תמיד איין אין שאָטען? פאַרוואָס איז נאַכט איצט טאָג און טאָג נאַכט אין קעניגליכען פּאַלאַץ? פאַרוואָס קומט ער ניט מעהר מקריב זיין דעם מאָרגען־קרבן אויף דעם בארג מוריה? (פּויזע) ווייסט איהר דעם ענטפער?

ערשטער און דריטער בעטלער

(באוווייזען זיך און גיבען בניהו'ן אַ צייכען אַז זיי האָבען דעם אַלטען נתן ניט געפונען)

בניהו

(ברעכט די הענט אין פארצווייפלונג; באַהערשט זיך) ווייסט איהר דעם ענטפער?

פאָלק

זאָג אונז און מיר וועלען וויסען!

בניהו

(שאַרף און רוהיג) הינטער יענעם טויער הויזט דער האַר פון פינסטערניש — הויזט אַשמדי. שלמה דער זוהן פון דוד איז דאָ מיט אונז. רופט איהם און ער וועט זיך צו אייך באַווייזען!

פאָלק

האַ? (זיי בלייבען שטעהן ווי פארשטיינערט)

בעטלער

(נוצען אויס דעם מאָמענט און הויבען אָן שרייען) שלמה! שלמה!

(די איבריגע ווערען פאַרכאַפּט פון דעם געשריי און שרייען מיט; העכער און העכער) שלמה! שלמה!

שלמה

(נאָכגעפאָלגט פון נעמה און דעם בעטלער, קומט אַרויף פון גאָרטען)

בניהו

(לויפט זיי אקעגען. ער פיהרט שלמה'ן אַרויף אויף דעם שטיין. קניעט) שלמה, זוהן פון דוד און בת־שבע, דיין פאָלק און דיין לאַנד ווארטען אויף דיר.

א שטימע

(אין עקסטאַז) שלמה! אונזער קעניג! איך וואוין אין ירושלים און איך ווייס!

אַנדערע שטימען

און איך! און איך!

(אַ טומעל פון געלעכטער און געשריי דערהויבט זיך צום הימעל. עטליכע וואַרפען זיך אויף די קני. אַנדערע הויבען די פויסטען קעגען דעם פאַרשלאָסענעם טויער)

שלמה

(הויבט אויף זיין האַנט; דער טומעל שטאַרבט אָב) פריינד פון דעם הויז פון דוד, הערט מיך און גאָט וועט אייך הערען. ניט קרוין און ניט זיגעל-רינג קען איך ברענגען פאַר עדות אַז מיינע ווערטער זיינען אמת. פון קרוין און זיגעל-רינג האָט מיך באַרויבט אשמדי ווען איך האָב, אין אַ מינוט פון שוואַכקייט, זיך איבערגעגעבען אין זיינע הענט. שטעהט פאַר אייך איצט איינער אין בעטלער-קליידער און זאָגט אַז ער איז שלמה. דערקענען — דערקענען איהם נור וועניג און די איבריגע צווייפלען און פרעגען: איז דער וואָס שטעהט פאַר אונז שלמה? (פויזע) רעד איך ניט אמת?

פאָלק

(מורמעלט) אמת! אמת!

שלמה

צערן איך ניט אויף די צווייפלער. וואָרים ווער וויל רופען איינעם קעניג וואָס איז ניט? און ווער וויל בייגען די קניע פאַר אַ בעטלער און אַ ליגנער? (פויזע)

פאָלק

אמת! אמת!

שלמה

און איצט זאָל אייער שכל רעדען צו אייער הארץ. שטעהט א בעטלער פאר די טוירען פון ירושלים און זאָגט אז ער איז שלמה. און ער זאָגט דאָס הויך אזוי אז דער וואָס זיצט הינטער יענער מויער זאָל דאָס הערען. איז דער בעטלער נור א בעטלער, און איז ער געקומען אייך אַרומרינגלען מיט פאַלשקייט, וועט די שווערט שנעל מאַכען אַ סוף צו זיין לעבען און די ליגנערישע צונג וועט אויף אייביג שטום ווערען. איצט ענטפערט אייך אליין: וועט אפילו א בעטלער אוועקווארפען זיין לעבען צוליב אַ קרוין וואָס ער קען ניט דערגרייכען?

ערשטער בעטלער

(שרייט) קלוג זיינען זיינע רייד. הערט-הערט!

פאָלק

הערט-הערט!

שלמה

און פאַרדעם זאָג איך אייך: זאָל דער וואָס הערשט איצט איבער אייך און רופט זיך שלמה אַרויסקומען פון זיין באַהעלטעניש! לעבען מיר, אויף דעם שטיין, זאָל ער זיך שטעלען. רופט די זקנים, די כהנים! רופט נתן און בת-שבע! ווי זייערע אויגען וועלען זעהן, אזוי זאָלען זיי משפט'ן.

ערשטער בעטלער

(לויפט צום טויער; קלאפט מיט די פויסטען) אשמדי! שלמה רופט דיך צום משפט!

בעטלער

(שרייען) צום משפט, אשמדי!

(סצענע. בעטלער רייסען זיך צום טויער און קלאפען מיט די פויסטען. דער טומעל וואקסט. פלוצלינג דערהערט זיך דער בלאז פון א טרומייט אויפ'ן טורעם פון טויער)

דן

(באוויזט זיך אויפ'ן טורעם) דן, וואס טראגט די שווערט פון קעניג, רעדט צו אייך. וואס באטייט דער געשריי וואס האט זיך דערטראגען צו די אויערען פון מיין האר און קעניג? ווער וואגט ———?

בניהו

ווער וואגט? מיר! און וויל דיין האר און קעניג וויסען וואס דער געשריי באטייט? זאל ער קומען און מיר וועלען צו איהם ריידען.

דן

ועמען זעהן מיינע אויגען? האט דער מורד בניהו ווידער פארלאזען זיין דארף? ניט דער קעניג נור זיין לייב-וואך וועט צו דיר קומען. און איהר, וואס קומט פון נאהענט און וויים, הערט מיך צו. איהר ———

דריטער בעטלער

און ווער וויל הערען א קרעציגען הונט? א שטיין איז אלץ וואס דו וועסט קריגען פאר דיין לוין. (א שטיין פליהט פלוצלינג

איבער דן׳ס קאָפּ. די בעטלער הויבען אויף אַ שרעקליכע מהומה. שטע־קענס און שטיינער פליהען צום טויער, ביז דן פארשווינדט. וועהרענד דעם האָט זיך דער דריטער בעטלער אַרויסגעשאַרט; ער קומט באַלד צוריק שלעפּענדיג — מיט דער הילף פון נאָך עטליכע בעטלער — דעם שטאָם פון אַ בוים; (שרייט) מאַכט פּלאַץ פאַר מיין שטורם־באָק! פאַר מיין טויער-שפּאַלטער! און איצט מיט כח! אָט אַזוי! (דער קלאַפּ פון שטורם־באָק אויפ׳ן טויער הערט זיך עט־ליכע מאָל)

בניהו

(ציהט אַרויס אַ שווערט פון אונטער זיין מאַנטעל; קאָמאַנדירט) טרעט אָב פון טויער! זאָל זיך יעדער באַוואָפנען מיט וואָס ער קען און זיך שטעלען הינטער מיר. (סצענע. בעטלער ברענגען פון פאַרזונקענעם גאָרטען שטיינער, שטעקענס, היי־גאָפּלען, עטליכע אַלטע שפּיזען)

(שאַל פון טרומייטען דערהערט זיך פון אינווענינ. דער טויער עפענט זיך. דן און די יונגען פון וואַך שטעהן אויסגעשטעלט אין מיליטערישער פאָרמאַציע — אָבער זיי ריהרען זיך ניט פון פלעק)

בניהו

אַרויס קום, שווערט-קנעכט. באַווייז דיינע גבורות!

דן

מיין האַר און קעניג קומט. איך וואַרט אויף זיין באַפעהל.

פאָלק

ער קומט! ער קומט! (פארוואונדערונג; געלעכטער)

שלמה

(געהט אַרונטער פון שטיין) איך וועל איהם באַגעגענען! (לאָזט זיך געהן צום טויער. בניהו און די בעטלער רינגלען איהם אַרום)

אשמדי

(באַגלייט פון זיין סוויטע, באווייזט זיך אין טויער. פיער דינער טראָגען א חופּה איבער זיין קאָפּ; די פּאָרהאַנגען זיינען אַזוי דראַפּירט אַז זיין פּנים קען ניט קלאָהר געזעהן ווערען)

דן

(הויבט אויף זיין שווערט) אונזער האַר און קעניג וועט ריידען צו זיין פאָלק.

אשמדי

דעם קלאַפּ פון שטורם-באַק האָב איך געהערט אויף דעם טויער און איך בין ערשטוינט געוואָרען. באַלאַגערט אַ שונא ירושלים און איך ווייס דאָס ניט? ווער זיינען די וואָס שטעהען דאָ? שונאים? (פּויזע) ניין. איך זעה פּויערן אין יום-טוב קליידער; איך זעה פרידליכע איינוואוינער פון ירושלים. איהר פויערן — האָט אייך ווער געשטערט ברענגען אייער געציטיגטע פרוכט צום מזבח? איהר איינוואוינער פון ירושלים — האָט ווער פון אייך א בקשה צום קעניג און איהר האָט איהם ניט געקענט דערגרייכען?

שלמה

צו שפּעט קומט דיין גנאָד, האַר פון פינסטערניש. קריך ארויס פון דיין באַהעלטעניש! קום און שטעל זיך לעבען מיר — —

דן

(גיט אַ וואונק די טרומייטען־בלאָזער און זיי דערטרענקען שלמה׳ס רייד אין דעם שאַל פון זייערע טרומייטען)

אשמדי

(הויבט אויף זיין האַנט און די טרומייטען ווערען אנטשוויגען) ווער איז דער וואָס רעדט אזוי דרייסט צו זיין קעניג? (פויזע) אַה, אַ בעטלער! אַ בעטלער אַרומגערינגעלט פון בעטלער. (צו־לאַכט זיך) ווען בעטלער רעדען צו׳ן אַ קעניג, זאָל זייער צונג ניט טריפען גאַל? איך קען דעם שווארצען כעס פון די וואָס האָבען גאָרניט חוץ די הויט אויף זייערע ביינער. אין יעדען הויז זעהט דער בעטלער זיינע שטיינער; אויף יעדען בוים — זיין פרוכט. און ער? ער האָט גאָרניט. און איבריגער שלעפט ער זיך איבער דער ברייטער וועלט.

בניהו

(שרייט) ניט פארלויף דעם וועג! הער וואָס דאָס פאָלק פאַר־לאַנגט!

אשמדי

אויב דאָס פאָלק רעדט דורך דעם מויל פון אַ בעטלער, ווייס איך דעם פארלאַנג איידער איך האָב איהם געהערט. דעם קעניג׳ס אוצרות האָבען אייך פאַרלאָקט. איז דאָס ניט אייער חלום שלאָפענדיג און וואַכענדיג? און רייסט איהר אייך ניט אין פאַלאַץ אריין כדי די קאמערן פון גאָלד און זילבער צו דערגרייכען?

פאָלק

איהר הערט? גאָלד און זילבער ווילען די בעטלער! (טומעל)

אשמדי

(הויבט אויף זיין קול) און איצט הערט מיין ענטפער: אַלע אוצרות פון דעם קעניג זיינען ניט ווערט אַז צוליב זיי זאָל איין טראָפּען בלוט פאַרגאָסען ווערען. האָט איהר ניט די אוצרות אָנגעהייפט דורך אייער שווערער ארבייט? האָט איהר ניט פאַרגאָסען אייער בלוט אויף דעם מלחמה-פעלד דעם רייכען רויב צו געווינען? אייערע זיינען די אוצרות; צו אייך זאָלען זיי צוריקגעהן!

שלמה

(ביטער) שנעל האָט אשמדי געלערענט דעם קעניג-שפּיל. ווי האָניג פליסט די פאַלשקייט פון זיינע ליפּען. הערט מיך, קינ-דער פון ישראל———

פאָלק

שווייג! שווייג! דער קעניג רעדט!

אשמדי

(לאַכט) איך קען מיין פאָלק און זיינע האַרץ-פאַרלאַנגען. איך בין גרייט זיי צו דערפילען. וואו איז דער מייסטער פון פּאַלאַץ?

חושים

(רוקט זיך אַרוים) וואָס איז דיין באַפעהל, האַר און קעניג?

אשמדי

פאַר דריי טעג צייט עפען די שאַץ-קאַמערן פון פּאַלאַץ. לאַז אויסרופען איבער די גאַסען פון ירושלים: יעדער וואָס נוי-טיגט זיך, קען קומען נאָך דעם קעניג'ס מתנה — דריי שקל

גאָלד און צעהן זילבער. (בויגט זיך אָן און זאָגט עפּעס חושים'ן אויפ'ן אויער — חושים פארשווינדט)

פּאָלק

הערט-הערט! דריי שקל גאָלד! צעהן זילבער! (טומעל)

אשמדי

און איהר, טויער שטורמער, הערט מיינע רייד!

עטליכע שטימען

פאַרגיב אונז, אָ האַר! פאַרגיב אונז!

אשמדי

(שטיל) איך פאַרגיב. און מעהר ווי דאָס: איך באַלוין. אייער מוטיגקייט, אייער פארנעהם צו רעדען אָפענע רייד מיט אייער קעניג, אַרויסצושטעלען די ברוסט צו די שפּיצען פון זיינע שפּיזען, ווייזט אַז אין אייערע אָדערן פליסט דאָס בלוט נאָך היים. האָט איהר אייך היינט געשטעלט קעגען אייער קעניג, וועט איהר זיך מאָרגען שטעלען קעגען זיינע שונאים.

פּאָלק

(מורמעלט) מיט די פיס וועלען מיר זיי טרעטען!

אשמדי

אַזוי האָב איך ליעב מיינע גבורים. פון מיין אייגענער האַנט זאָלט איהר אייער מתנה נעהמען. חושים!

חושים

(קומט, באגלייט פון עטליכע דינער וואָס טראָגען קעסטלאך אָנגעפילט מיט מטבעות)

שלמה

(ביטער) צום משפט האָט איהר יענעם אַרויסגערופען. ווער דער קלאַנג פון אַ מטבע — — — — ?

אשמדי

(ברומט) ווילט איהר שטעהן דאָרט און הערען רייד, רייד, רייד? דער קעניג וואַרט אַז איהר זאָלט אייך דערנעהענטערן און נעהמען זיין מתנה. קלייבט אויס! (נעהמט אַ פולע האַנט גאָלד־מטבעות) אַזוי! ניט געצעהלט און ניט געוואויגען! ווער וועט זיין דער ערשטער?

שטימען

איך! איך! איך! (אַ מענשען־כוואַליע טהוט זיך אַ גאַס צום טויער)

אשמדי

(טיילט פולע זשמעניעס גאָלד און לאַכט) כאַ־כאַ־כאַ! נעהמט און לויבט דעם קעניג וואָס גיט קיילעכיגע, גאָלדענע רענדלאך אָנשטאָט קיילעכיגע, גאָלדענע רייד. אַהאַ! ווען איך זאָל קענען אַרונטעררייסען די זון און זי צושניידען אויף גאָלד־פעניצלאך, וואָלט די גאַנצע וועלט געקומען צו מיין טויער — געשטאַנען און געקניעט און געדינט. גאָלד, גאָלד, גאָלד! אָט האָט איהר עס! (וואַרפט די מטבעות צווישען דער אויפגעקאָכטער מאַסע וואָס קאַטשעט זיך אַרום איהם ווי אַ קנויל און ברומט און כרוקעט און שרייט: „גאָלד! גאָלד! גאָלד!“)

בניהו

(פאַרשטעלט די אויגען מיט די הענט) קרעציגע הינט!

שלמה

(מיט רחמנות) ניין, בניהו! בלויז ניט־דערוואַקסענע! הונ־

גערינגע קינדער! אָבער צו וואָס שרייען? זיי הערען ניט.
(פאַרברעכט די הענט) זיי הערען ניט!

אשמדי

(לאַכט איהם אין פּנים אריין) אָבער זיי זעהען. גאָלד, גאָלד, גאָלד! (רופט) אין פּאַלאַץ אריין! דעם קעניג'ס אוצרות זייגען אָפען פאַר אייך! (ער לאָזט זיך געהן. טרומייטען־שאַל. די מאַסע, אין אַ משוגעת־עקסטאַז, נאָך איהם. מאַנכע קריכען אויף אַלע פיער, אַנדערע שפּרינגען אין דער הויך; אָבער אַלע שרייען: „גאָלד, גאָלד, גאָלד!")

(שווערע פּויזע. דער טויער פאַרמאַכט זיך. אויף דער סצענע בלייבען בלויז בניהו, שלמה און נעמה).

נעמה

(געהט אַרויף אויף דעם שטיין; קוקט זיך אַרום) אַן אַלטער בלינדער מאַן קומט אַרויף פון וועג.

בניהו

האַ? (פאַרצווייפעלט) איצט — איצט קומט דער טרעגער פון גאָט'ס וואָרט.

שלמה

ווען גאָט פאַרבאָרגט זיין פּנים, קומען זיינע שליחים צו שפּעט.

נתן

(געפיהרט פון צווייטען בעטלער, קומט אַרויף פון וועג. ער איז זעהר אַלט, כמעט בלינד; ער שלעפּט די פיס מיט אַן אונהיימליכען שאָרך. מיט אַ שוואַך, קוויטשעדיג קול) איך בין דאָ! איך בין דאָ!

(פאָרהאַנג)

פערטער אַקט

פאַר דער הייל פון גחון־קוואַל.
אַרום און אַרום פעלזען; צווישען זיי ווילד געוויקס און, דאָ־און־דאָרט, אַן איילבירט בוים.
אין פּערספּעקטיוו, דער באַרג מוריה און דער טעמפּעל.

פאַר זון־אויפגאַנג. ביהנע איז האַלב־טונקעל.

דריי פרויען

(באַווייזען זיך אויף איינעם פון די שטעגען. זיי בלייבען שטעהן. אַ מינוט שפּעטער קומט איינע פון זיי אַרונטער; זי איז — לויט גע־שטאַלט און שטימע — בת־שבע).

בת־שבע

(זוכט עמיצען צווישען די פעלזען; רופט שטיל) **איה! איה! וואו ביזטו?**

איה׳ם קול

רופט בת־שבע? (איינער פון די אַרומיגע פעלזען הויבט זיך פלוצלינג אויף; די גרוי־באַמאַנטעלטע געשטאַלט פון אַיה שטעהט פאַר בת־שבע׳ן) **ווען בת־שבע רופט, ענטפערט איה.**

בת־שבע

(אונרוהיג) **איז איה אַ שטיין געוואָרען?**

איה

אַ שטיין צווישען שטיינער. (שטרעקט אויס איהר האַנט קעגען באַרג

(מוריה) די כהנים פון פייער־גאָט זוכען איה׳ם לעבען. (לאַכט) ווען איה ווערט שטאַרבען — זאָגען זיי — ווערט אויך תמוז מיט איהר שטאַרבען. די קאַלב־שעכטער ווייסען ניט אַז אין תמוז איז שטאַרבען און לעבען אַן אייביגער שפּיל. זיי ווייסען ניט — אָבער איה ווייסט און איהר אַלט האַרץ לאַכט, לאַכט, לאַכט! (שטיל) איז נאָך ווער דאָ מיט דיר, בת־שבע?

בת־שבע

בלויז צוויי פון מיינע דינסטען.

איה

שיק זיי אַוועק. דאָ וועסטו זיי פאַרלירען.

בת־שבע

פאַרלירען? איך פאַרשטעה ניט, איה.

איה

(מיסטעריעז) די וואָס זעהן תמוז שטאַרבען און לעבעדיג ווערען, די דינען מעהר קיינעם ניט חוץ תמוז. שיק זיי אַוועק.

בת־שבע

ביי דער הייל פון גחון־קוואַל איז איה האַרינטע. (מאַכט אַ צייכען צו די צוויי פרויען; זיי פאַרשווינדען צווישען די פעלזען) איך בין איצט אַליין, איה.

איה

ניט אויף לאַנג, ניט אויף לאַנג. (לאַכט) באַלד וועלען דאָ זיין אַנדערע.

בת־שבע

וועט ער זיין צווישען זיי?

איה

אָה, דו האָסט מורא איהם רופען ביים נאָמען! איך ניט. אשמדי קומט. (לאַכט) אַלם קעניג פון ירושלים וועט ער קומען אָבער ניט געהן. אַלע מאַסקעס פאַלען ארונטער אין תמוז־שפיל. כאַ־כאַ־כאַ!

בת־שבע

זעה! לייכטען ניט שטורקאַצען ביים טויער פון קוואַל?

איה

יא — דער קעניג און זיין סוויטע. (זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין און זינגט מיט אַ צוריסען קול)

לויתן הויזט אין טיפען ים
און טאַנצט אויף ווייסע אינדען.
ווער וועט שפינען פון פלאַקס דעם שטריק
לויתן פעסט צו בינדען?

פון פלאַקס אַ שטריק האָב איך געשפינט;
דעם האַטשיק שאַרף געבויגען.
ווער עס גאַרט נאָך לאָק־שפייז זיס,
דער ווערט אַרויסגעצויגען.

בת־שבע

איז די לאָק־שפייז זיס, איה? איז דיין האַטשיק שאַרף גענוג פאַר אשמדי? אויב דו מעסט אשמדי מיט אַ מענשליכער מאָס, וועסטו איהם ניט כאַפּען. (ברעכט די הענט)

איה

(שאַרף) ניטאָ קיין אַנדערע מאָס — ניט פאַר מענשען, ניט פאַר געטער און ניט פאַר די צווישען זיי. אַזוי לערנט תמוז און ער ווייסט. (מילדער) דער אַנבליק פון תמוז איז ווי ווייך אין די איינגעווייד פון אַ הונגעריגען. און איז ניט אשמדי הונגעריג? (פויזע) דערמאָהן דיך נור, בת־שבע!

בת־שבע

(דערשראָקען) ניין, ניין! איך וויל ניט טראַכטען וועגען דעם!

איה

דו ווילסט ניט און — טראַכסט. האָט ניט בת־שבע געהערט דעם ער־געשריי פון אשמדי, ווען זי איז געשטאַנען ביי די גראַטעס פון זיין הייל? (לאַכט) היים איז געוועזן זיין אָטעם און אָנגעזאַפט מיט וייב־באַגעהר. הא, בת־שבע?

בת־שבע

שווייג, איה, שווייג! (אין גרויס פיין) איך וויל ניט!

איה

אבער איה וויל. (אונהיימליך) אַ רינג טראָגט אשמדי אויף זיין פינגער. אַ רינג!

בת־שבע

(קאָנוואולסיוו) איך קען ניט.

איה

פאַרוואָס ניט (שפּיציג) ווייל דער פייער גאָט האָט געהייסען ציכטיג זיין? (לאַכט) ער האָט דיך ניט געוואָלט האָבען אין די אָרעמס פון דוד; ניט געוואָלט. אָבער תמוז האָט געוואָלט און — תמוז געווינט תמיד. תמוז׳ס קינד איז שלמה און

שלמה׳ס קעניגרייך. און האָט אשמדי ביי איהם זיין קעניג־רייך גערויבט — ווער וועט עס איהם צוריקגעבען? תמוז! תמוז! (שטילער) שלמה, וועמעס גוטסקייט איז אָהן גרעניץ, וועט צוריק דערהויבען תמוז׳ן פון טהאָל צום באַרג, צו יענעם באַרג.

(דער אָבגלאַנץ פון שטורקאַצען־ליכט פאַלט אויף דער סצענע).

בת־שבע

(שפרינגט־אויף) ער קומט! באפריי מיך, איה. דו וועסט גע־פינען אַן אַנדערע, אַ איינגערע — — — (וויל אַנטלויפען)

איה

(כאַפּט זי שנעל אין איהרע אָרימס; שאַרף)ביים גחון־קוואַל האָט דאָס קינד שלמה זיין קעניגרייך באקומען. אנטלויפט בת־שבע פון גחון־קוואַל, איז איה פריי פון איהר צוזאָג (פוּיזע) ניין, בת־שבע אַנטלויפט ניט פון גחון־קוואַל; זי געהט מיט מיר אין הייל. (פיהרט זי) וואַשען וועלען דיך די דינערינס פון תמוז — וואַשען און זאַלבען און באַקראַנצען צום אויפשטעה־טאַנץ. קום! (ביידע אָב)

חושים

(נאַכגעפאָלגט פון שטורקאַצען־טרעגער, קומט אָן; קוקט זיך אַרום)

שטעהט! יא — אָט דאָ איז די הייל פון גחון־קוואַל און דאָ וואַרט אויף אונז איה, דאָ וועט אש — — — איך מיין: דאָ וועט שלו — — — אויך ניט! איך מיין: דאָ וועט אונזער האַר און קעניג זיך באַגעגענען פּנים צו פּנים מיט איה׳ס גאָט וואָס איז אי טויט אי לעבעדיג — — — איך מיין: ניט טויט און ניט לעבעדיג — — — אַלץ ניט! איך מיין: וואָס איז

אַמאָל טויט און אַמאָל לעבעדיג. אָבער אז ער איז לעבעדיג איז ער שוין גאָר לעבעדיג! (אין עקסטאַז) אַהאָ!

דן׳ס קול

(פון ווייט) וואו ביזטו, חושים?

חושים

גאָר פאַרגעסען. (פאַרשווינדט אויף אַ מינוט, רופענדיג:) האַר און קעניג, נאָך עטליכע שפאַן אַרונטער און דו וועסט דער־גרייכען דיין ציל. אַרונטער! אַרונטער! (קומט צוריק. נאָך איהם — אַשמדי, דן און סוויטע)

אשמדי

(פויזע) שטום באַגריסען אונז די גרויע שטיינער און חוץ זיי — קיינער ניט. איז אָט די הייל דער טעמפעל פון תמוז? (פויזע) וואו איז דער גאָט און וואו — זיינע דינער? (פויזע)

דן

ניט איך האָב געפיהרט מיין האַר און קעניג אויף דעם שטיי־ניגען וועג. חושים האָט געפיהרט; זאָל ער דערפיהרען.

אשמדי

דיין קול איז אָנגעזאַפּט מיט צאָרן, דן. חושים פיהרט ניט. ער דינט.

דן

וועמען דינט ער? דיר אדער דער כהנית פון תמוז וואָס האָט איהם אויסגעקליבען פאר איהר שליח? דורך זיין מויל האָט זי דיר דערצעהלט די וואונדער און דאָס גרויסקייט פון איהר גאָט.

אשמדי

ציטער ניט, דן. די כהנים פון בארג מוריה וועלען ניט קרו־
מען קיין האר אויף מיין קאפ — און ניט אויף דיינעם.

דן

אבער וואס וויל די אלטע איה? וואס ווארט אויף אונז
דא — — — ?

אשמדי

ניט די אלטע איה וויל. איך וויל. (צו חושים) וואו איז תמוז?

חושים

תמוז? האר און קעניג! תמוז איז נאך טויט — אדער שוין
טויט — ווער ווייסט?

אשמדי

(לאכט) יא, יא! וואו איז די כהנית פון דעם טויטען גאט?

חושים

די איז נאך ניט טויט, כאטש די כהנים פון בארג מוריה —
איך מיין זי קען מען רופען. ווען דער מארגען־שטערן ווענט
זיך באווייזען איבער דעם איילבירט־בארג — האט זי מיר
געזאגט — וועט זי און די דינער פון תמוז — — —

אשמדי

(ש פ) רוף זי!

חושים

(דע שראקען) רופען, רופען — דאס הייסט אויב איך וועל
זי — — —

דן

(רופט) כהנית פון תמוז, אונזער האר און קעניג ווארט!
(פויזע) קיינער ענטפערט ניט!

חושים

הא? קיינער ענטפערט ניט? דן, מ'דארף וויסען ווי אזוי צו רופען. אט וועל איך רופען. (זינגט הייזעריג) איה־אָ־איה: כהנית פון תמוז אין דריי לענדער! איה־אָ־איה! דינערין פון גאט פון וועמעס לענדען פליסען די זאמען פון אלץ וואס וואקסט און בליהט. איה־אָ־איה! (פויזע)

איה

(קומט ארויס פון הייל) הער איך חושים'ס קול?

חושים

איה הערט חושים'ס קול. אונזער האר און קעניג איז גע־קומען צום תמוז יום־טוב. קום נעהענטער, איה!

איה

(ריהרט זיך ניט פון שטעל) ניט צו איה, נור צו תמוז, איז דער קעניג פון ירושלים געקומען. דער האר וועט דעם האר אנט־קעגען קומען.

אשמדי

און ווען שטארבט תמוז?

איה

ווען ער פארצעהרט זיין הארץ אין גרויסען פייער. ניט פריהער.

אשמדי

(געהט שנעל צו צו איהר) אויב דו ווייסט וואס איך ווייס ניט,

ענטפער מיר. וועט דער וואָס הערשט אויפ'ן בארג מוריה אמאָל פאַרנעהמען תמוז'ס פלאַץ?

איה

ניין! דער מדבר-גאָט וויל בלויז מאַכען פון תמוז'ן זיין גערט-נער און ניט מעהר. תמוז'ס פלאַץ פאַרנעהמען קען ער ניט.

אשמדי

אויב ניט ער — ווער?

איה

איינער וואָס איז העכער פון זיי ביידע.

אשמדי

(ליידענשאַפטליך) רעד! איך וויל הערען מעהר, מעהר!

איה

מעהר ווייסט ניט איה וייל מעהר ווייסט ניט תמוז. (שטרעקט אויס די האַנט) דאָרט איז אַ פעלזען מיט מאָך באַוואַקסען: אַ ווייכער שטוהל פאַר דעם קעניג פון ירושלים. פון דאָרט וועט ער זעהן איה'ן און איהרע שוועסטער באַוויינען דעם טויט פון תמוז. (זי זעצט זיך, נעהמט אַרויס אַ לעדערן פייקעל פון הינטער איהר מאַנטעל, לעגט דאָס אויף איהר שויס און הויבט אָן קלאַפּען אין אַ מאָנאָטאָנעם טעמפּאָ)

אשמדי

(נאָכגעפאָלגט פון זיין סוויטע, געהט וועהרענד דעם אַרויף אויף דעם פעלזען. זיי גרופּירען זיך אַזוי אַז אַלע, חוץ אשמדי, בלייבען אונ-זיכטבאַר אין הינטערגרונד. פון צייט־צו־צייט פאַלט דער שיין פון די שטורקאַצען אויף דער שאַרפער, איזאָלירטער פיגור פון אשמדי)

(פון עטליכע זייטען דערהערט זיך דער קלאַפּ פון פּייקלאַך — ווי אַן ענטפער אויף דעם קלאַפּ פון איה'ס פּייקעל)

איה

(אינטאָנירט) אויפגעגאנגען איז דער מאָרגען-שטערן אויף דעם איילבירט-באַרג. מאָרגען-שטערן! מאָרגען-שטערן! האָסטו באַגעגענט דעם האַר אויף דיין וועג? (פּויזע) איך האָב ניט באַגעגענט דעם האַר אויף מיין וועג. איך האָב ניט באגעגענט דעם האַר ביים רוישיגען שטראָם. איך האָב ניט באַגעגענט דעם האַר אויף די שטעגען פון וויינגאָרטען. אזוי זאָגט דער מאָרגען-שטערן וואָס איז אויפגעגאַנגען אויף דעם איילבירט-באַרג. (פּויזע; מיט אַ געשריי וואָס שניידט דורך די לופט) געשטאָרבען איז תמוז!

שטימען

(פון נאָהענט און ווייט) געשטאָרבען דער האַר!

(צווישען די פעלזען הויבען זיך אָן ווייזען פּנים'ער און געשטאַלטען; אונבאַמערקבאַר קומען זיי נעהענטער און נעהענטער צום פּלאַץ פאַר דער הייל)

איה

(שטעהט אויף, נעהמט אַ פאַסטוך־שטעקען באַפּוצט מיט רויטע אַנע־מאָנען און באשרייבט לאַנגזאַם אַ קרייז פאַר דעם אריינגאַנג צו דער הייל; איהר געשריי ווערט שאַרפער און העכער) געשטאָרבען איז תמוז!

שטימען

(ענטפערן) געשטאָרבען דער האַר!

(פון דריי פאַרשידענע פונקטען דערהערט זיך דאָס קלאַג־ליעד אויף דעם

פויט פון תמוז. די ערשטע גרופע באַווייזט זיך טראַגענדיג גרויסע וואַסער־טעפּ, אויל־קרוגען און פאַנען מיט ברענענדיגען ווייה־רויך)

ערשטע גרופע

(זינגט) געשטאָרבען איז תמוז,
געשטאָרבען דער האַר;
אַ ווערבע אָהן וואַסער
פאַרטרוקענט און דאַר.
איצט וויאַנען די ברוסטען
און שאַרף נאָגט דער צער —
און שאַרף נאָגט דער צער!

צווייטע גרופע

(קומט אַריין; פאַראויס — פיער יונגע פרויען וואָס האַלטען אויסגעשפּרייט אַ רויטען איינהיל; זינגען)

צופּאַטעלט די לאָקען
און קלאַפּט זיך אין ברוסט;
געשטאָרבען איז תמוז
און טויט איז די גלוסט;
דער מדבר־ווינט האַלזט אונז
און מיר בלייבען פּוסט —
און מיר בלייבען פּוסט!

דריטע גרופע

(קומט אַריין; פיער מענער טראָגען אַ מטה מיט דעם געטצען־בילד פון תמוז; זינגען)

און קוואַלט ניט דער ברונים
איז גרויס אונזער נויט;

ווערט ערד אַן עקרה
ווי קופּער איהר הויט;
ווער וועט זי באפרוכטען
ווען תמוז איז טויט —
ווען תמוז איז טויט!

איה

(געהט צו צו דער מטה אין צענטער פון קרייז. זי וואַשט פּנים און הענט פון תמוז מיט וואַסער, זאַלבט זיי מיט אויל און טרייבט די רויך־שפּיראַלען פון די ווייהרויך־פאַנען אויף זיין פּנים; ווערהרענד דעם אינטאָנירט זי) מיט וואַסער וואַשען מיר דיך, אָ האַר! מיט אויל זאַלבען מיר דיך, אָ האַר! ווייהרויך פאַר דיינע נאָזלע־כער רויכערן מיר, אָ האַר. דיך דערפרישען, דיך היילען, דיך וועקען פון שלאָף ווילען מיר, אָ האַר. הער אונזער געוויין, אָ האַר!

שטימען

(יאָמערן שטיל) הער אונזער געוויין, אָ האַר!

פיער יונגע פרויען

(מיט דעם רויטען איינהיל, קומען אריין אין קרייז און הילען איין דאָס בילד פון תמוז)

איה

(מיט אויפגעהויבענע הענט) קעניגין פון הימעל, ווייב און גע־ליעבטע פון תמוז! פייער־רויט און פלאַמענדיג ווי דער איינהיל פון האַר זאָל ווידער אויפלייכטען דיין האַרץ־פאַרלאַנג און דיין תאוה. עשתרות! ברענג אונז צוריק דעם האר פון די טיפענישען. עשתרות! עשתרות!

(פלייטען־שפיעל און טאַנץ. איה און די פיער יונגע פרויען באַוועגען זיך אַרום דער מטה. די באַוועגונגען דריקען אויס דעם ווילען צו לעבען וואָס ווערט דורכגעשניטען פון מאַכטלאָזיגקייט און טויט — אַ מינוט פון פייערדיגען פאַרלאַנג; אַ צווייטע פון גראַוויטאַציע צו דער ערד־צו. נאָך עטליכע מינוט זינקען די טענצערינס צו דער ערד און מיט זיי די איבריגע תמוז־דינער)

פיער מענער

(הויבען אויף די מטה און טראָגען זי לאַנגזאַם אין דער היל אַריין. די איבריגע באַגלייטען דעם טויטען גאָט ביז צום מויל פון דער היל קריכענדיג אויף זייערע בייכער. זיי בלייבען דאָן ליגען שטום און באַוועגלאָז. פויזע)

אשמדי

(איז וועהרענד דעם אַרונטער געקומען פון פעלזען. אַ מינוט שטעהט ער שטום און פאַרטראַכט פאַר דער היל. פלוצלינג דערהערט זיך זיין שטילער, ביסיגער לאַך) אָט אַזוי שטאַרבט תמוז, דער האַר פון פרוכטבאַרקייט. אָט אַזוי שטאַרבט אַ גאָט וואָס האָט אַמאָל געהערשט איבער פיעלע לענדער. (פויזע) מ׳זאָגט מיר אַז אַמאָל האָט מען דיך געדינט אויף די שפּיצען פון די הויכע בערג. און איצט? איצט יאָמערן נאָך דיר ווייבער און פאַר־שטעקען דיך אין אַ פינסטערער הייל. איך האָב דיך געזעהן שטאַרבען, תמוז, און איך האָב געלאַכט, געלאַכט! אַ נאַרי־שער שפּיעל איז דיין טויט — אַ באַהאַלטעניש און אַן אויגען־נאַרעריי. (לאַכט) פאַר וועמען באַהאַלטסט דו דיך, תמוז? פאַר דעם פייער־עסער פון יענעם באַרג? האַ? וואָסער ביזט דו; און ער — פייער וואָס עסט פייער. וויל ער דיך ניט

האָבען אויף די שפּיץ בערג און האָט דיך פאַריאָגט אין א פינסטערער הייל אַריין. און דו ? דו האָסט זיך אונטערגע־געבען ? הא ? (לאַכט) תמוז, איך בין דערגאַנגען דיין סוד. דו ביזט דער קוואַל פון לעבען אָהן דעם וויל ען צו לע־בען. און יענער סרים פון באַרג מוריה קען דיין שוואַכקייט און האָט דיך געמאַכט זיין שקלאַף. די מדבר איז זיין היים ; פוסטקייט זיין געשטאַלט. מיט דיר אלס זיין שקלאַף האָט ער דעם ישוב פאַרכאַפּט און רייסט זיך איצט אין דער אונ־ענדליכקייט. (ווילד) האָט ניט שלמה דאָס זעלבע געטהון צו אשמדי ? (פּויזע) און איצט שטעה איך צווישען דיין הייל און זיין באַרג און איך טראַכט. איך וויל דערגעהן דאָס וואָס איז הינטער אייך, טיעפער און העכער פון אייך. און טראַכט איך נור פון אייך צוויי — בין איך שוין שטאַרקער פון אייך צוויי. וואָסער דו ; פייער ער. אָבער איך בין קראַפט אָנגע־שכור'ט מיט ווילען. איך וויל ! און האָב איך „איך" געזאָגט, האָב איך שוין ניט געזאָגט דאָס העכסטע ? (פּויזע) ווען אשמדי האָט אָנגעהויבען טראַכטען, האָט ער דעם ערשטען שפּאַן געמאַכט. דער פייער־עסער האָט אַ געליבטען זוהן געהאט ; האָב איך איהם פאַר אַ בעטלער געמאַכט. אַ שפּילכעל אין דער האַנט פון אשמדי איז ער און זיין פאָלק. מיט אַ זשעסט, אַ ברום און אַ רויט רענדעל בין איך ער גע־וואָרען. דער ערשטער שפּאַן איז דאָס געווען פאַר דעם אשמדי וואָס טראַכט און וויל. אָבער — ניט דער לעצטער. (לאַכט ביסיג) פייער־עסער פון באַרג מוריה ! ווייסטו וואָס אשמדי טראַכט איצט ? הא ? נו, הער ! דאָס וואָס דו האָסט געטהון צו תמוז וועט אשמדי טהון צו דיר. קיניגען וויל

אשמדי אזוי ווייט און אַזוי ברייט, אַזוי הויך און אַזוי טיעף, ווי זיין געדאנק קען געהן. איינשפּאַנען אין זיין רייט-וואָגען וועט ער דיך און תמוז און אַלע געטער פון ערד און הימעל פאַר אייך. (שרייט) איך, אשמדי, וויל!

(ווי אַן ענטפער צו זיין געשריי הערט זיך פּלוצלינג דער טומעל פון אַ וואַסער־שטורעם)

איה

(הויבט זיך האַלב אויף; אינטאָנירט) דאָס רוישען פון וואַסערן האָב איך געהערט. גחון האָט אויפגעוואַכט. הייל די וואונדען פון תמוז, גחון. דערפריש זיין האַרץ. באַניי זיין פרוכטבאַרקייט.

שטימען

(מורמלען) הייל, דערפריש, באַניי!

אשמדי

(רייסט זיך אַריין צווישען זיי) זענט איהר ניט מעהר ווי ווערים וואָס איהר קריכט אויף די בייכער פאַר תמוז׳ן? (סאַרקאַסטיש) הייל, דערפריש, באַניי! דער שוואַכינקער, רויט-באַבעקעלטער תמוז זאָל א י י ך דינען — ניט פון אייך געדינט ווערען! אַזוי זאָג איך, אשמדי.

שטימען

אשמדי? אשמדי? איז אשמדי צווישען אונז?

איה

אשמדי איז צווישען אונז. ער איז געקומען זעהן און — וועט בלייבען דינען.

אשמדי

איה זעהט — נור ניט ווייט געגוג. אשמדי וועט בלייבען דינען. אָבער ניט תמוז'ן נור — אייך. ניט נעהמען, נור געבען זאָל דער הערסטער און קיינער איז ניט העכער פון אשמדי. שטעהט אויף!

(פיעלע פון די תמוז־דינער הויבען זיך אויף)

שטימען

וועט אשמדי דערלייכטערן אונזער פיין? וועט אשמדי אונז שיצען פון הונגער און טויט? וועט אשמדי — — — ?

אשמדי

אַלץ וועט אייך זיין אשמדי; אַלץ וואָס איהר וועט דערגרייכען. (מיט רחמנות אין זיין שטימע) גרוים איז געווען אשמדי'ס פיין ביז ער האָט אויסגעגלייכט דעם רוקען. איצט וויל ער אָברייניגען די וועלט פון געבויגענע רוקענס. שטעהט אויף! טאָג און נאַכט, היץ און קעלט, בליהונג און פאַרדאַרבונג וועלען זיין אייערע אָהן רוקען־בייגעניש. הויבט אויף דעם קאָפ! איהר דאָ ביים וואַסער־קוואַל! איהר דאָרט אויף דעם באַרג מוריה! אשמדי גיט אייך פריי! אשמדי וואָס איז אי פייער אי וואַסער און מעהר פון ביידע — ער גיט אייך פריי. אשמדי וויל! שטעהט אויף!

א שטימע

און וואָס באַפעהלט אונז אשמדי?

שטימען

וואָס זאָלען מיר טהון?

אשמדי

בלויז איין זאך: ארויף! העכער און העכער!

שטימען

העכער? וואוהין?

אשמדי

נאך העכער! (לאזט זיך געהן צום פעלזען) העכער!

שטימען

(ווי אין היפנאז) העכער! העכער! (געשטאלטען באוועגען זיך הינטער איהם ארויף צום בארג־צו)

אשמדי

(פון דער הויך) פייער-עסער פון בארג מוריה, איך קום! פון שלמה'ס טראָהן צו דיינעם איז בלויז איין שפאן. איך מאך איהם איצט. (ברומט) יאה-ווע! איך קום!

(עטליכע סעקונדען הערט זיך דער ריטמישער קלאפ פון פיס, געהענדיג בארג־ארויף). --

איה

(לויפט ארויף אויף איינעם פון די פעלזען אנטקעגען דער ארויפשטייגענדיגער גרופע; זי הויבט אויף דעם פאסטוך־שטעקען און רופט) תמוז איז אויפגעשטאנען! תמוז איז אויפגעשטאנען!

אשמדי

אויפגעשטאנען? (צו די ארום איהם) תמוז איז אויפגעשטא-נען — דורך מיר. אין מיר. העכער! העכער!

שטימען

אין אשמדי איז תמוז אויפגעשטאנען! העכער! העכער!

איה

(אין אַ וויברירענדען, לײדענשאַפטליכען טאָן) אויפגעשטאַנען איז דער האַר און אַיה זינגט אייך איצט דאָס גרויסע ליעד. אַיה זינגט פון זאָמען און פרוכטבאַרקייט וואָס רוהען אין שוים פון תמוז; פון באַפרוכטונג און בליהונג און צייטיגונג וואָס שטראָמען פון זיינע לענדען. איהר, איבער וועמעס קעפּ עס הענגט הונגער און פאַרדאַרבונג און טויט—הערט איה'ס ליעד. קומט צוריק צו תמוז!

שטימען פון טהאָל

קומט צוריק צו תמוז!

אַ שטימע

(פון דער הויך) הערט איהר ניט אַיה'ן רופען? (אין עקסטאַז) תמוז איז אויפגעשטאַנען!

עטליכע שטימען

(פון דער הויך) תמוז רופט! תמוז רופט!

(די גרופּע מיט אשמדי צוטיילט זיך אין צוויי; איינע בלייבט לעבען איהם, די צווייטע רוקט זיך אָב נידריגער צום טהאָל)

אשמדי

(לאַכט) איז תמוז אויפגעשטאַנען, אַיה? זאָל ער קומען און ווייזען זיינע וואונדער. אשמדי וואַרט!

איה

ווער עס וואַרט, דער זעהט און ווער עס זעהט, דער דינט.

(לויפט אַרונטער פון פעלזען און פאַרשווינדט אין הייל. אַ מינוט הערשט אַ טיפע שטילקייט. עס דערהערט זיך האַרפען־שפּיל וואָס ווערט העכער און העכער. פרויען־פּראָצעסיע, געפיהרט פון איה, קומט אַרויס

פון הייל. די פרויען טראָגען בלומען טעפּ, קיישלאך פרוכט און קליינע זומער־סוכה׳לאך געפלאָכטען פון אגיז־צווייגען. אַיה האַלט הויך אַ קאָנוס־פאָרמיגען שטיין ; געזאַנג)

פרויען שטימען

האָט זיך באַוויזען אַ אינגעל-געבילד,
אַ הערש-באָק פון פעלז, פול-ברוסטיג און ווילד ;
ווי זיילען די שענקלען, אויג פול באַגעהר —
מיר בענשען דאָס קומען פון געטליכען ער.

שטימען

(טיילווייז אויך פון די וואָס שטעהן אַרום אשמדי)

מיר בענשען דאָס קומען פון געטליכען ער!

פרויען שטימען

וואָס קרייזען זי׳ען אין צירקעל אַרום?
פון טויט-שלאָף ווער וועקט דעם בוים און די בלום?
און ווער לאָקט פון אויג די הארץ-תאוה טרעהר?
דאָס זידען די בלוטען פון געטליכען ער.

שטימען

(ווי פריהער ; העכער און שטאַרקער)

דאָס זידען די בלוטען פון געטליכען ער!

פרויען שטימען

פאַרזיסען ריחות פון זאָמען דעם ווינד.
די קוואַלען פון ווערען פליסען אַצינד — — —
טיעף גראָב, דו פלאַנצער, מיט רידעל און שער
און בענש אונזער טראַכט, דו געטליכער ער.

שטימען

(ווי פריהער; אין עקסטאַז)

און בענש אונזער טראַכט, דו געטליכער ער!

פיער מענער

(האָבען וועהרענד דעם זינגען אַרויסגעטראָגען די מטה אויף וועלכער עס געפינען זיך איצט צוויי פיגורען)

איה

(ביי דער מטה) **דער וואונדער איז געשעהן!** (אַ טומעל ברעכט אויס אויף דער סצענע. צוערשט די ווייבער, און נאָך זיי די מענער, רייסען זיך אָב פון אשמדי און לויפען צו צו דער מטה; דורך דעם טומעל שניידט זיך דורך איה'ס קול) **קעניגין פון הימעל, דערצעהל אונז די בשורה! מיט דיין לייב האָסטו דעם טויטען תמוז דערוואָרימט; מיט דיין אָטעם — איהם באַלעבט. דיין לייב, דיין לייב וועט אונז דערצעהלען די בשורה פון תמוז'ס אויפ־שטעהן!** (זי הויבט אויף די רויטע דעק)

בת־שבע

(באַקראַנצט און איינגעהילט אין אַ רויטען שלייער, הויבט זיך לאַנגזאַם אויף. איהרע הענט הויבען אָן ליאַסצשען דאָס תמוז־בילד; קאָנ־וואולסיווע צוקונגען וויברירען דורך איהר קערפּער — זי הויבט אָן דעם תמוז־טאַנץ)

איה

(שטעהט האַלזענדיג דעם קאָנוס־פּאַרמיגען שטיין; ווען דער תמוז־טאַנץ דערגרייכט זיין העכסטען פּונקט, דערהערט זיך איהר אונהיימליכער געשריי)

פון תמוז׳ס לענדען פליסט באַגעהר;
ער און זי און זי און ער!
הייליג, הייליג יענע צוויי;
תמוז מאַכט זיי ווידער ניי!

(דער טאַנץ צופלאַקערט זיך ווי אַ וואַלד־פייער. לייבער ווערען פאַר־קנוילט און צונויפגעקייטעלט ווי פון זיך אַליין. אַן אָטעם־פאַרכאַפּענ־דער תאוה־ריח צוגיסט זיך איבער דער סצענע ווערענד די תמוז־דינער פאַרקריכען, פּאָרווייז, צווישען די פעלזען. אַן עקסטאַטישער קוויטש פון אַ יונגער תמוז־דינערין שניידט דורך די לופט)

אשמדי

(קומט שנעל אַרונטער פון פעלזען; אַ גרויסע אונרוהיגקייט פיהלט זיך אין זיין גאַנג. ער בלייבט שטעהן לעבען בת־שבע׳ן וואָס באַוועגט זיך נאָך אַלץ אין אַ האַלב־שכור׳ן צושטאַנד; ער רעדט שטיל און שאַרף) גרויס איז דער כח פון תמוז. (פּויזע) אָבער גרעסער — (מיט גרויס אָנשטרענגונג) אָבער גרעסער און שטאַרקער פון תמוז איז — — — (אין דער מינוט רייסט אַיה אַרונטער דעם שלייער פון בת־שבע׳ן. ער טהוט אַ געשריי אָבער קען ניט אַרויסריידען אַ וואָרט)

איה

(ענדיגט פאַר איהם) — אָבער גרעסער און שטאַרקער פון תמוז איז — דער אויפגעוואַכטער תמוז. (ברעכט אויס אין אַ מורא׳די־גען געלעכטער. באַלד פאַרקריכט זי הינטער אַ פעלזען, פון וואַנען זי וואַרפט פון צייט־צו־צייט אַ בליק אויף דער פאָלגענדער סצענע)

אשמדי

(אָטעמט שווער) פון תמוז׳ס לענדען פליסט באַגעהר — באַ־געהר — ער און זי — — בת־שבע! (שטרעקט אויס זיינע הענט נאָך איהר) ווייב!

בת-שבע

(רוקט זיך אָב פון איהם) אויף יענעם פינגער — אויף יענעם פינגער לייכט אַ רינג. דער וואָס טראָגט דעם רינג איז קעניג פון ירושלים — ער רופט זיך שלמה —

אשמדי

אָבער דו ווייסט, דו ווייסט! אשמדי בין איך און אשמדי הונגערט נאָך דיר. (ווילד) תמוז האָט מיין בלוט אָנגעצונדען!

בת-שבע

פון דעם רינג פלאַמט אַ פייער וואָס עסט פייער. תמוז האָט מורא פאר איהם. מורא! מורא! (צווישען די ציינער) לאָז מיך אָב!

אשמדי

איך קען ניט, ווייב!

בת-שבע

(ווערט זיך קעגען איהם; שטיל) וויל אשמדי ווערען דער שקלאַף פון תמוז?

אשמדי

זיין שקלאַף און זיין האר. אשמדי וויל זיך אויסגיסען אין דער אייביגקייט. בת-שבע איז דער טויער און תמוז זיין וועכטער. מיט וואָס זאָל אשמדי באַצאָהלען?

בת-שבע

מיט דעם רינג וואָס פלאַמט אויף דיין פינגער.

אשמדי

(באַטראַכט איהם) יאַה-ווע׳ס פייערן אַריינגעקוועטשט אין אַ פיעל-פנים׳דיגען שטיין. (לאַכט) זאָל יאַה-ווע ווערען די גרע-

ניץ צווישען מיר און אייביגקייט? (נעהמט אַרונטער דעם רינג)
אשמדי וויל איהם ניט מעהר. ער וועט זיך אַן אייגענעם
שמידען. (טהוט אַ וואורף דעם רינג אין דער הויך; ער באַשרייבט
אַ פייער־צירקעל אין דער לופט)

בת־שבע

(שרייט) און איצט ווידער איך! ווידער איך! (זינקט צו דער
ערד)

אשמדי

(הויבט זי אויף אין זיינע אָרימס און טראָגט זי אין תייל אריין)

איה

(פון הינטער דעם פעלזען) תמוז איז אויפגעשטאַנען און ער באַ־
וויזט זיינע וואונדער! (לאַכט שטיל און לאַנג)

(די ערשטע ליכט־פּאַסען האָבען זיך באַוויזען אויף די שפּיץ בערג. העל
פלאַמט אויף דאָס מזבח־פייער אויף דעם באַרג מוריה; אין דער לופט
צוגיסט זיך שטאַרקער און שטאַרקער אַ געזאַנג — דער לויב־געזאַנג פון
די לוים ביי דעם מאָרגען־קרבן)

(פאָרהאַנג)

עפּילאָג

אין די פינסטערע בערג.

רעכטס, דער שטאַם פון אַ פאַרשטייגערטער צי־קאַדע. איהרע צווייגען הענגען, בויגען־מעסיג, פון רעכטס צו לינקס איבער דער ברייט פון דער ביהנע. אין הינטערגרונד, פעלזען איבער פעלזען. דורך אַ שמאָלען ריס, שטראָמט אַריין אַ גרוי בין־השמשות ליכט.

אשמדי

(אויפ'ן ערשטען בליק אַליין; זיצט און דערצעהלט) — — — און זי איז געזעסען הינטער דעם פעלזען און האָט געלאכט. געלאכט. איז ניט תמוז אויפגעשטאַנען און באוויזען זיינע וואונדער? (פּויזע) אָבער די אנדערע, די נאָהענטע, די וועמעס געשטאַלט ס'צוגיסט זיך נאָך אַלץ ווי זיסער וויין אין מיין לייב — זי איז געווען טרויריג. איך האָב זי געהערט מורמלען: „איך. ווידער איך". אין דעם שפּיל פון אשמדי מיט די געטער איז זי פאַראומרייניגט געוואָרען; זי — די ריינסטע, די לויטערסטע. איהר לייב איז געוואָרען דער מזבח פון ווילדער גליסטונג; איהר הארץ — דער אַש־גום פון אויסגעברענטע תאוות. (מיט אַ שטילען וועה־געשריי) בת־שבע, בת־שבע!

עזאל

(שטעקט ארויס דעם קאָפּ פון אַ לאָך אין פעלזען) דו הערסט, שמחזאי?

שמחזאי

(פון צווישען די צווייגען; בויגט זיך אן) איך הער. איך הער.
(ברעכט אוים אין אַ געלעכטער וואָס קאַטשעט זיך ווי אַ הויפען שטיינער באַרג אַראָב)

עזאל

שמחזאי לאַכט. אָבער ווען איסטהר האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון דיינע הענט, ווען איסטהר האָט דיך געלאָזען אויף דער ערד און אליין זיך באַהאַלטען צווישען די שטערן, האָסטו אויך געקרעכצט, פונקט ווי אשמדי קרעכצט איצט. (חוזק'ט) איז איסטהר ניט שמחזאי'ם בייזער חלום געוואָרען? האַ?

שמחזאי

דו ביזט גערעכט, תאוה-מעקלער. איסטהר איז שמחזאי'ם בייזער חלום געוואָרען. און אגרת — דיינער. און בת-שבע — אשמדי'ס. (ריטשעט מיט אַ הייזעריג קול) פאַרשאָלטען זאָלען זיין די מענשען-טעכטער! פאַרשאָלטען — און געבענשט!

אשמדי

פאַרשאָלטען און געבענשט; געבענשט און פאַרשאָלטען! וועט דער נאַרישער געשריי קיינמאָל ניט אויפהערען? אַ לייטער, און ניט מעהר, איז די מענשען-טאָכטער; אַ לייטער וואָס פיהרט אַרויף און אַראָב.

עזאל

דו הערסט, שמחזאי? אשמדי רעדט; נור זיינע ווערטער האָבען פאַרלוירען די וואָג. זיי קומען פון זיין מויל ווי יענע ליכט-פּאַסען. מיר זעהען זיי; נור אָנטאַפּען קענען מיר זיי ניט.

שמחזאי

(לאַכט) דאָס האָט ער מיט זיך געבראַכט פון זון-שיין-לאַנד. ער שפּינט ליכט-פּאַסען פון זיין איינגעווייד.

אשמדי

שמחזאי און עזאל, הערט צו: עס וועט קומען אַ טאָג און איהר וועט לערנען פון אשמדי שפּינען ליכט-פּאַסען פון אייער איינגעווייד; איהר וועט לערנען טראַכטען.

עזאל און שמחזאי

הא? (ברעכען אויס אין אַ געלעכטער) טראַכטען! טראַכטען! און וואָס איז טראַכטען? כאַ-כאַ-כאַ! (פּויזע)

עזאל

(קריכט איבער אשמדי'ן) אַ לייטער, און ניט מעהר, און די מענשען-טאַכטער — — כאַ-כאַ-כאַ! (קומט צו נאָהענט) דו, אשמדי, עזאל קען די מענשען-טאָכטער. גרייט איך ניט צו רינגלאך און בראַנזלעטען און פאַרביגע בענדער און קיילעכיגע ברוסט-טעלערלאך פאַר דער מענשען-טאָכטער? איך קען די מענשען-טאָכטער. אַ לאַנגעל-וויין איז זי; די הייוועז זיינען אויפ'ן דנאָ. איך קען זי.

אשמדי

(הוידעט מיט'ן קאָפּ) יא — נור ניט מעהר ווי זי קען זיך אַליין. און זי קען זיך נאָך ניט. איך זאָג אייך: אַ לייטער איז די מענשען-טאָכטער וואָס פיהרט אי אַראָב אי אַרויף. (פּויזע) איהר ביידע זענט דורך איהר דערנידריגט געוואָרען; אשמדי איז דורך איהר — — —

שמחזאי

(קאַטשעט זיך פון געלעכטער) אפשר גאָר דערהויבען געוואָרען? און צוליב וואָס האָט אשמדי פארלוירען שלמה'ס קרוין אין דער הייל פון גחון-קוואַל?

עזאל

און האָט תמוז אויף דיר ניט אָנגעשיקט איינע וואָס האָט געהייסען איה?

שמחזאי

און אַ צווייטע וואָס האָט געהייסען בת-שבע?

עזאל און שמחזאי

און איז אשמדי ניט איצט אַ געפאַלענער גלייך מיט עזאל און שמחזאי? (לאַכען) כאַ-כאַ-כאַ! איז ניט אשמדי גע-פאַלען, באַזיגט?

אשמדי

(שפּרינגט אויף) בין איך באַזיגט? (לענגערע פויזע) ווען איך בין געשטאַנען אין יענעם העלען פריה-מאָרגען פאַר דער הייל פון גחון, האָב איך זיך אַליין געפרעגט: אשמדי, ביזט דו באַזיגט? און אַלץ וואָס איז אשמדי האָט געענטפערט: ניין! ניט באַזיגט נור דערהעלט! ווייל ניט אויף זיין איי-גענער געשטאַלט האָט גערוהט אשמדי'ס בליק אין יענער מינוט, נור אויף יענע צוויי מענשען-טעכטער וואָס האָבען איהם א ווייל באַגלייט אויף זיין לאַנגען וועג. ניט צו זיך אַליין, נור צו יענע צוויי, איז זיין האַרץ אויסגעגאַנגען. איי-נע — אַ שטיין; פעסט און שטאַרק און באַגרעניצט און פּרוכטלאָז. די צווייטע — אַ קוואַל דורך וועלכען מענשען און

געטער מוזען זיך אייביג באנייען; א בלאנקע שווערט מיט וועלכער זיי האלטען מלחמה קעגען דעם ניט-זיין וואס פילט אן דעם חלל ארום דער ערד. און אין יענער מינוט האב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען צו דעם עתיק-יומין און — א מוטיגער, א העל-זעהענדער — האב איך איהם געפרעגט: עתיק יומין, פאטער פון מענשען און געטער, פאטער פון אלץ און גארניט — פארוואס זיי? פארוואס זיי? פארוואס האסטו דעם מעכטיגען מארך-פינטעל אריינגעקוועטשט אין יענע ברעכעדיגע כלים וואס קענען איהם ניט איבערטראגען? פארוואס זיי די שווערע משא וואס צוברעכט זייערע רוקענס? איך בין שטארק און איך וויל שפילען דיין שפיל. איך וויל ווערען ווי דו און מעהר. איך וויל ווערען דו, דו! איך וויל אז דורך מיר זאלען זיי אויך ווערען דו!

שמחזאי

(שטעקט ארויס א צונג) עה! אשמדי האט פארגעסען אז דער עתיק יומין ענטפערט ניט. ער איז וואס ער איז און ווייטער — גארניט.

עזאל

(הירזשעט) ער איז וואס ער איז און ווייטער — גאר-גארניט. ער ענטפערט ניט.

אשמדי

ער וועט ענטפערן. אשמדי וועט אזוי לאנג פרעגען ביז ער וועט ענטפערן. האט אשמדי געזוכט א קרוין ווייל ער האט געוואלט א משא ארונטערצובייגען זיין קאפ? האט אשמדי געוואלט פאריאגען תמוז פון זיין הייל ווייל ער האט געוואלט דעם נחון-קוואל פאר זיין פוס-באד? אדער האט אשמדי

זיך פאַרמאַסטען אויף דעם באַרג מוריה ווייל זיינע נאַזלעכער האָבען געזוכט דעם קיצעל פון ברענענדיגען חלב ? אשמדי האָט בלויז אַן ענטפער געזוכט — אַן ענטפער געזוכט אין קרוין, אין קוואַל, אין אייביגען פייער וואָס ברענט אויפ'ן באַרג מוריה. (ליידענשאַפטליך) עתיק יומין, אשמדי קען ניט אויפהערען טראַכטען ! (וואַרפט זיך צו דער ערד ; קאַנוואולסיוו) ער וויל וויסען. ער וויל זיך דערקענען. עתיק יומין, גיב מיר א צייכען אַז דו הערסט. (אַ ליכט־שטראַהל גיט אַ בליץ אין דעם האַלב־טונקעל)

עזאל און שמחזאי

(פאַלען אויף זייערע פּנים'ער ; קרעכצען שטיל) ער הערט ! ער הערט !

אשמדי

אויב דו הערסט, וועסטו אויך ענטפערן. אשמדי וועט ניט אויפהערען פרעגען. עתיק יומין, ענטפער מיר. ווער בין איך ?

בת קול

(וויברירט דורך דעם חלל) איך !

אשמדי

קרייז צי פינטעל ?

בת קול

קרייז און פינטעל.

אשמדי

האָט אשמדי געוואונען אָדער פאַרלוירען ?

בת קול

געוואונען און פאַרלוירען.

אשמדי

און וואָס ווייטער ? אַלץ געהן ?

בת קול

אַלץ געהן !

אשמדי

(פאַרמאַטערט) און דער סוף ?

בת קול

(פראַגע־טאָן) דער סוף ? (פויזע ; שטילער און שטילער) דער סוף ? דער סוף ?

(פאָרהאַנג)